# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Kheshbn No. 143 - Spring 2004 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/3tv0t7c8

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 143(1)

**Publication Date**
2004

**Copyright Information**
Copyright 2004 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California



פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
אונ קולטור־פּראָבלעמען

אַרויסגעגעבן פון
**לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב**

# 143

**פרילינג**
**תשס"ד**

**SPRING**
**2004**

# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פּראָטערנאַלע און סאָציאַל־פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אוצרות פון אונדזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון די ברענטשעס פּראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערע אינפאָרמאַציע שרייבט צו:

**ARBETER RING/**
**THE WORKMAN'S CIRCLE**

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035

(310) 552-2007 אָדער טעלעפאָנירט



# H E S H B O N

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048



EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE

**JACOB LEWIN**, Administrator
6365 Orange St. CA 90048 - Tel. 323 939 7379

Members: **L. MEISNER, Z. MALEVITZ, N. STEINMAN**

# אינהאַלט


מ. בן שלמה (זאב) וואָלף: ווי שאָף צו דער שחיטה? 3

מ. שקליאַר: (לידער) 10

ל. מייזנער: יהודה עלבערג - צום אייביקן געדענקען 12

י. עלבערג: (פראַגמענט) 16

מ. שטערן: (לידער) 18

מ. אייזענבוד: געמאַכט די היים־אַרבעט (דערציילונג) 19

פ. פלאָטקין: (לידער) 26

ד. וואָלפע: 95 אַרביטן 27

ש. טרייסטער: (לידער) 30

מ. וואָלף: הונדערט יאָר פון דעם פּאָגראָם אין האָמעל 33

ל. באַראָוויק: (ליד) 37

א. שאַפּיראָ: יוסף טונקל - "דער טונקעלער" 38

מ. קאַראַל: (לידער) 44

ל. פּראָלאָוו: מלכהלעס טענות (דערציילונג) 45

ע. פישבין: 1492 - געבורט פון אַ נייע וועלט 54

מ. ש.: נייע ביכער 57-60

א. שפּיגלבלאַט: (פראַגמענט) 59

מ. לאַנדאַו: (פראַגמענט) 62

א. ביידער: (לידער) 64

* אָנגעקומען אין רעדאַקציע 65

* כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב 66

צום גרויסען יום־טוב פון דער יידישער קולטור – דעם 100־סטן געבוירנטאָג פון שרייבער און רעדאַקטאָר איטשע גאָלדבערג, האָבן מיר אַרויסגעשיקט די וויטערדיקע באַגריסונג:

דעם חשובן פריינד און שרייבער, נעסטאָר
פון דער יידישער ליטעראַטור

# איטשע גאָלדבערג

געזעלשאַפטלעכער טוער און לערער,
לאַנגיאָריקער רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל "יידישע קולטור" –
אונדזערע ברכות און ווונטשן צו זיין 100־סטן געבוירנטאָג.
ליבער איטשע, זייט געזונט און שאַפעריש
נאָך לאַנגע יאָרן לטובת דעם יידישן וואָרט,
וואָס איז אונדז אַלעמען אַזוי ליב און טייער!

פאַר דער פאַרוואַלטונג פון יידישן קולטור־קלוב אין ל.א.:

**לילקע מייזנער – פאָרז.**
**יוסף סאָסקי – סעקר.**

פאַר דער רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון "חשבון":

**משה שקליאַר**

---

אונדזער טייערן

# שמחה ליינער

דעם איבערגעגעבענעם פריינד און שטיצער פון
יידישן קולטור־קלוב און זשורנאַל "חשבון",
דעם געטרייען היטער פון יידישע קולטור־ווערטן –
צו זיין 100־סטן געבוירנטאָג

מזל־טוב און ברכות,
עד מאה ועשרים!

פאַר דעם יידישן קולטור־קלוב:

**לילקע מייזנער** - פאָרז.
**יוסף סאָסקי** - סעקר.

פאַר "חשבון":

**משה שקליאַר** - רעד.
**יעקב לעווין** - פאַרוו.

**משה שקליאַר:**
רעדאַקטאָר

**ישראל גובקין:**
מיטרעדאַקטאָר

# חשבון
**נומ. 143**

**פּעריאָדישע שריפט**
פאַר ליטעראַטור און
קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
**יעקב לעווין, פאַרוואַלטער**
**זעלדע מאַלעוויטש**
**לילקע מייזנער**
**יוסף סאָסקי**
**נתן שטיינמאַן**

**59־ער יאָרגאַנג, נומער 143 • פרילינג 2004 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.**


משה בן שלמה (זאב) וואָלף

## "ווי שאָף צו דער שחיטה"??

"וראית בעיניך איפה היו מתחבאים אחיך
(...) בני עמך ובני בניהם של המכבים"
(...) הנה עגלי הטבחה, הנה הם שוכבים כלם".
"די זין פון דיין פאָלק, די קינדער פון די מכבים
ווי געשאָכטענע שעפּעלך ליגן זיי דאָרטן".
ח.נ. ביאַליק.

**א.**

קיין איין פאָלק האָט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה ניט געליטן פון אַזוי פיל גרויסע פאַרלוסטן, ווי דאָס יידישע - אַ דריטל פונעם פאָלק, 6 מיליאָן יידן - האָבן היטלערס חילות ישו"ז, אומגעבראַכט אין די טויט־לאַגערן און אין די גאַז־קאַמערן. די היינטצייטיקע פירער פון אַ ריי מלוכות (דייטשלאַנד, פוילן, אוקראַינע) האָבן געבעטן מחילה ביים יידישן פאָלק פאַר די פאַרברעכנס, וועלכע זייערע פעלקער זענען באַגאַנגען בעת דער דאָזיקער מלחמה בנוגע די יידן. קיינער האָט זיך דעמאָלט ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אין 10־20 יאָר שפּעטער און אויך עד היום וועלן די קרבנות גופא באַשולדיקט ווערן אין זייער אומקום. די פאָרוואָרפן לגבי די קרבנות קלינגען צייטנווייז העכער ווי דאָס באַשולדיקן די נאַצי־מערדערס. צום גרויסן באַדויערן האָבן די טאַדלונגען, אַז די יידן "זענען געגאַנגען כצאן לשחיטה", (ווי שאָף צו דער שחיטה) זיך אָנגעהויבן אין ישראל. די א"ג "לינקע", באַזונדערס די חלוצים (די וועלכע זענען "דאָרטן" ניט געווען), ציטירנדיק חיים נחמן ביאַליקס "בעיר ההריגה" - "אין דער שחיטה־שטאָט" - האָבן געלערנט זייערע קינדער און אייניקלעך, די סברות, אַז די גלות־יידן זענען גרויסע פחדנים, "די אומגעקומענע מיליאָנען יידן האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין שום ווידערשטאַנד דעם שונא". אין די 50־ער יאָרן פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָט דער פעלעטאָניסט דן בן־אמוץ, ("דער ישראלדיקער מ. זשוואַניעצקי"), איינער פון די וועלכע האָבן געגרינדעט דעם פלמ"ח, פאַרעפנטלעכט אַן אַלמאַנאַך, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט אַ ריי יידישע שרייבער און אויך אַראַבער, די הויפּט־טעמע איז געווען: "דאָס געשטאַלט פון די גלות־יידן". די לעצטע זענען פאָרגעשטעלט געוואָרן ווי: "שלימאַזלניקעס" (...) "פחדנים"(...), "ניט פעיקע צום ווידערשטעלן זיך דעם שונא", (...) 'סבון־יידן" (...) 'זיי זענען געגאַנגען ווי שאָף צו דער שחיטה", "די נאַצישע רוצחים האָבן

געמאַכט פון זיי זיך[1] (...) "זיי זענען דאָך געווען אין די מיליאָנען. אָנשטאָט זיך ווידערצושטעלן, האָבן זיי ווי שעפּסן זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון די "יודען־ראַט"־אָנפירערס, וועלכע האָבן געהאָלפן דעם שונא זיי אומצוברענגען".

אין יוני, 2003, איז אין מאָסקווע דערשינען אַ בוך אין רוסיש ( איבערגעזעצט פון ענגליש) פון יוחנן פּעטראָווסקי־שטערן א"נ "דער אומניצלעכער סאָלדאַט" ("בעספּאָלעזני סאָלדאַט"), אין וועלכן ער שרייבט: "איינע פון די כאַראַקטער־שטריכן פון דעם יידישן סאָלדאַט איז זיין אַקצענטירטער אינדיווידואַליזם" (...) "זיין אומשטאַנדהאַפטיקע פּסיכיק", (...) "פּאַנישער פּחד און "אומבאַהילפיקייט אין שלאַכט" (...), "ווי שעפּסן גיבן זיי זיך אונטער דעם שונא"". עס מוז באַטאָנט ווערן, אַז פּעטראָווסקיס בוך איז אַן איבערזעצונג פון זיין דיסערטאַציע. וועלכע ער האָט פאַרטיידיקט אין דעם באָסטאָנער בראַנדעס־אוניווערסיטעט מיט 2 יאָר צוריק.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז די היינטצייטיקע רוסישע אַנטיסעמיטן (דער אָנפירער פון דער פּאַמיאַט־פּאַרטיי, וואַסיליעוו; דער באַוווסטער יודאָפאָב, גענעראַל מאַקאַשאָוו, און דער פירער פון דער רוסישער סאָציאַל־נאַציאָנאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס איז "געלאָפן" צו ווערן דער מעיאָר פון מאָסקווע, ס. סטערלינגאָוו; א"אַ) זענען ניט אָפּגעשטאַנען און האָבן ביי יעדער געלעגנהייט כאַראַקטעריזירט מיט די זעלבע באַשמוצונגען די יידישע קרבנות, וועלכע די נאַציס האָבן דערמאָרדעט בעת דער מלחמה.

עס שטעלט זיך אַ פראַגע, צי זענען די דאָזיקע טאַדלונגען גערעכטע? באַזונדערס, אויב זיך דערמאָנען, אַז בלויז עטלעכע יאָר נאָך אושוויץ, האָט די ביז גאָר קליינע, אָרעם־באַוואָפנטע און ניט אויסגעשולטע הגנה געשלאָגן די אַראַבישע אַרמייען און האָט געוווּנען די באַפרייונגס־מלחמה. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז נאָך די דאָזיקע געשעענישן האָט דער שקר וועגן דער יידישער "פּחדנות" באַדאַרפט פאַרשווינדן ווערן אויף אייביק. אָבער די פּסיכאָלאָגישע באַדאַרפעניש אויסצוגעפינען "שולד־העלדן" איז אַזוי גרויס, אַז מיט דער צייט איז אויפגעקומען אַ ווערסיע וועגן צוויי טיפּן פון יידן – גלות־יידן־פּחדנים און העראָישע יידן אין ישראל.

ב.

"זאָג ניט קיינמאָל. אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג"
(הירש גליק)

דער שרייבער ק. שבתאי, וועלכער איז אַדורך אַלע שבעה מדורי גיהנום אין די דייטשישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן און על־פּי נס ניצול געוואָרן, האָט אין זיין עסיי[2] איבערצייגעוודיק באַוויזן, אַז די אויבן־אָנגעוויזענע, אַזוי גערופענע "ווערסיע" וועגן צוויי פאַרשיידענע טיפּן יידן, איז אַ פאַלשע, וואָרהאַפטיק באַשרייבט ער די געוואַגטקייט פון די יידישע זעלנער אין דער סאָוועטישער אַרמיי. אין אירע בלוטיקע קאַמפן האָבן זיך באַטייליקט יידן פון ווילנע, קאָוונע, קיעוו, ביאַליסטאָק א"א שטעט. אַ סך פון זיי זענען אַנטלאָפן פון די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן. די אַזוי גערופענע "ליטווישע דיוויזיע" איז אויף 85% באַשטאַנען פון ליטווישע יידן, אַנטלאָפענע פון די נאַצישע מחבלים. זיי האָבן העלדנמוטיק זיך געשלאָגן מיט די בלוטגיריקע דייטשישע חיילות. ס'רוב פון זיי זענען געפאַלן אין די שלאַכטן. די לעבן פאַרבליבענע, פיזיש אויסגעמוטשעטע, האָבן מיט גרויסע מאַטערנישן זיך דערקליבן קיין ארץ ישראל. זיי האָט נישט געשראָקן

1) מירים ביעלסקאַיאַ. "נאָוואַיע רוסקאַיע סלאָוואָ. סעפּטעמבער 24 2003

2) ק. שבתאי. "כצאן לטבחה", "זו הדרך" 1950

דער ענגלישער פלאַט, ניט די אַראַבישע קוילן. די דאָזיקע "פּאַרסמאַליעטע האָלאָוועשקעס" זענען געוואָרן העלדן פון דער "עליה ב'. זיי האָבן זיך תיכף־ומיד באַטייליקט אין די קאַמפן פאַר עצמאות - זעלבשטענדיקייט פון דער יידישער מדינה, האָבן אַרויסגעוויזן גבורה און דרייסטקייט ניט ווייניקער, ווי די אין ישראל געבוירענע סברות. די זעלבע יידן, וועלכע זענען אין די געטאָס און טויט לאַגערן געגאַנגען "כצאן לטבחה", האָבן אין אַנדערע געפערלעכע באַדינגונגען אַרויסגעוויזן אומגעהוירע דרייסטקייט, העלדנמוט און האַמצאַתדיקייט.

די "באָבע־מעשה" וועגן "צוויי טיפן" איז אַ פּרווו זיך אָפּצונייגן פון אַן ענטפער אויף דער פראַגע, פאַרוואָס האָבן יידן אין פאַרשיידענע סיטואַציעס זיך געפירט פונקט פאַרקערט, אין איין פאַל זענען זיי געגאַנגען צום טויט אָן שום ווידערשטאַנד און אין אַנדערן (אויך אין אַ זייער געפערלעכער סיטואַציע) האָבן זיי אַרויסגעוויזן נפלאותדיקע קעגנשטעלונג, העלדנמוט און גבורה?

כדי צו פאַרשטיין, פאַרוואָס האָבן די יידן אין אייראָפּע ניט געקאָנט קעמפן פאַר זייער קיום און מענטשלעכער ווירדע, דאַרף מען פאַרגלייכן זייער אויפפירונג מיט דער אויפפירונג פון ניט־יידן אין דער זעלבער סיטואַציע. אין די דייטשישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן האָבן זיך געפונען אַן ערך 5 מיליאָן ניט־יידישע מענטשן. כאָטש די באַדינגונגען אין די לאַגערן, אין וועלכע זיי האָבן זיך געפונען, זענען געווען לייכטער, ווי אין די יידישע טויט־לאַגערן, דאָך זענען זיי אויך געווען איבערגעגעבן אוממענטשלעכע און דערנידערנדיקע אויף אַזוי פיל, אַז מענטשן מיט אַ געפיל פון אייגנווירדע, וואָלטן באַדאַרפט אויפשטיין און פרווון באַשיצן זייער לעבן...

אין אַ באַריכט פון דער דריטער אַמעריקאַנישער אַרמיי, אין וועלכן עס ווערט באַשריבן דער קאָנצענטראַציע־לאַגער פלאָסענבורג (פאַר ניט־יידן), איז אָנגעוויזן: "הונגער... איזדיעקעניש, געפערלעכע קעלט, אָפּוועזנהייט פון מעדיצינישער הילף און היילונגס־מיטלען פלעגן דערפירן די אַסירים צו זעלבסטמאָרד. די פאַרשפּאַרטע אין דעם דאָזיקן לאַגער האָט מען געהרגעט לויט די קאַפּריזן פון די מערדערס. פון דעסטוועגן האָט קיינער ניט זיך קעגנגעשטעלט". זיי זענען אויך 'געגאַנגען ווי שעפסן צו דער שחיטה". דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען מיט די סאָוועטישע געפאַנגענע, אומגעקומענע אין די נאַצישע לאַגערן. 50,000 סאָוועטישע געפאַנגענע זענען באַערדיקט געוואָרן אין מאַסן־קברים, אין בערגען־בעלזען. אַלע האָבן זיי פאַרענדיקט זייער לעבן גלייך ווי די יידישע קרבנות. אין אַ בריוו צו ווילהעלם קייטעלן - דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פון דעם דייטשישן גענעראַל־שטאַב. דעם 28־טן פעברואַר 1942, שרייבט אַדאָלף ראָזענבערג. "פון דריי מיליאָן און דריי הונדערט טויזנט רוסישע געפאַנגענע זענען פאַרבליבן לעבן נאָר עטלעכע הונדערט טויזנט אַרבעטס־פעיקע. די אַנדערע זענען אומגעקומען פון הונגער און קעלט". טויזנטער זענען געשטאָרבן פון טיפוס. אָפט פלעגט מען די געפאַנגענע צעשיסן אין דער אָנוועזנהייט פון דער דערשיטערטער ציווילער באַפעלקערונג און די קערפּערס פלעגן זיך וואַלגערן אויף די וועגן. דאָס פלעגן די מערדער טון. ווען די געפאַנגענע האָבן שוין מער נישט געהאַט קיין כוח אַרומצוגיין.

די דייטשן האָבן אומגעבראַכט די פּוילישע אינטעליגענץ און די פּוילישע אָפיצירן אָן קיין שום ווידערשטאַנד פון די לעצטע. אין קאַטין האָבן די סאָוועטישע מערדערס אויסגעהרגעט 9 טויזנט פּוילישע אָפיצירן, און קיינער פון זיי האָט נישט געקעמפט



ז. לאַכור: קאַמף צווייטן די חורבות. קוילן־צייכענונג 1952.

פאַרן לעבן. אַזעלכע פאַקטן זענען געווען אַ סך. זיי אַלע באַווייזן, אַז די מעגלעכקייט זיך ווידערצושטעלן איז געווען אָפּהענגיק פון פאַרשיידענע באַדינגונגען: פּאָליטישע, סטראַטעגישע, סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע. ווען די באַדינגונגען זענען גינסטיקע, איז מעגלעך צו קעמפן און זיך ווידערשטעלן. אָבער עס קאָן נישט פאָרקומען אַן אויפשטאַנד באַלד נאָך דעם, ווען דער שונא האַלט אָפּ איין נצחון נאָך דעם אַנדערן. די פּאַרטיזאַנען־באַוועגונג אין רוסלאַנד האָט זיך צעוואַקסן נאָר נאָך דעם זיג פון דער סאָוועטישער אַרמיי אין סטאַלינגראַד. דער וואַרשעווער אויפשטאַנד האָט אויפגעפלאַקערט כמעט 5 יאָר נאָך דער אָקופּאַציע פון פּוילן - נאָך סטאַלינגראַד, נאָך דער מפּלה פון מוסאָליני, נאָך דעם, ווען די אַליאירטע אַרמייען האָבן זיך אַרויסגעזעצט אין פראַנקרייך, און ווען די סאָוועטישע אַרמיי איז שוין געשטאַנען ביי דער ווייסל. די פּיל־מיליאָניקע באַפעלקערונג פון די אָקופּירטע אייראָפּעישע לענדער, פאַרוואַנדלטע אין קנעכט, האָבן הכנעהדיק אויפגענומען זייער גורל, אַזוי לאַנג ביז ס'פּלעגן זיך שאַפן גינסטיקע באַדינגונגען פאַר אַן אויפשטאַנד.

יידן זענען שטענדיק געווען אין אַן אָנסופיקדיקער שווערערע לאַגע. אמת, אין מערב־אייראָפּע האָבן געלעבט עטלעכע מיליאָן יידן. אָבער זיי זענען געווען צעוואָרפן אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך. ווען, אין דעם אָדער אַנדערן לאַנד פלעגן אַריינקומען די דייטשישע זעלנער, האָבן זיי פריער פון אַלץ אָפּגענומען ביי יידן די בירגלעכע - און מענטשן־רעכט. זיי זענען איבערגעגעבן געוואָרן נישט נאָר אין דעם אומבאַגרענעצטן רשות פון די נאַציס, נאָר קודם־כל אין די הענט פון דער אָרטיקער פיינטלעכער באַפעלקערונג: פּאָליאַקן, אוקראַינער, ליטווינער, אונגאַרער, רומענער. ס'רוב פון די מאַסן האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין סימן פון מיטגעפיל צו יידן. פאַר יעדן אַקט פון ווידערשטאַנד און נקמה פלעגן די ס.ס.־לייט הרגענען הונדערטער און טויזנטער אומשולדיקע יידן - מענער, פרויען און קינדער.

חנה אַרענדט[3] וועלכע האָט באַלויכטן דעם אייכמאַן־פּראָצעס, באַשרייבט די טראַגעדיע פון די אַמסטערדאַמער יידן. פאַר דערהרגענען אַ האָלענדישן נאַצי זענען אין 22־23 פעברואַר, 1941, אַרעסטירט געוואָרן 452 יידן, וועלכע זענען דעפּאָרטירט געוואָרן. מען טאָר ניט פאַרגעסן, אַז פאַר די יידן אין די געטאָס און שטראָף־לאַגערן איז דאָס לעבן געווען אָפט ערגער פונעם טויט. זיי זענען געגאַנגען "ווי שעפסן צום טויט" ניט פאַר פּחדנות, נאָר פאַר דעם עקל צום לעבן אין אוממענטשלעכע באַדינגונגען. זייער אומקום איז אַן אורטייל פאַר דער ציוויליזירטער מענטשהייט, וואָס האָט געשוויגן און האָט קאַלטבלוטיק דערלאָזט צו איר דעגראַדאַציע - צו די ווילדע רציחות, באַגאַנגענע פון מענטש צו מענטש. "אַנשטאָט צו פאָרוואַרפן די אומגעקומענע, פאַרוואָס זיי האָבן זיך ניט ווידערגעשטעלט, אָדער זיך ווידערגעשטעלט צו שפּעט, מוז מען ענטפערן אויף דער פראַגע: אויב אַלע אומשטאַנדן זענען געווען קעגן אונדזערע ברידער און שוועסטער, קעגן יעדע מעגלעכקייט זיך צו באַשיצן; אויב פּילצאָליקע שטאַרקע אַרמייען האָבן אָן שום ווידערשטאַנד זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון די היטלערישע חיילות; אויב דער שונא האָט זיך פאַראייניקט מיט דער ניט־יידישער באַפעלקערונג; אויב די גלויביקע יידן האָבן דערפילט, אַז "גאָט איז אַריין אין אַ פאַרשווערונג", כדי אומברענגען דעם "אתה בחרתנו", דאָס פאָלק, וואָס ער האָט אויסדערוויילט; אויב אָפיצירן, פּאָליט־קאָמיסאַרן,

3) חנה אַרענדט: "אייכמאַן אין ירושלים - באַריכט פון טאָג־טעגלעכער גזילה" און אויך "מענטשן און "שוואַרצע צייטן", קורצע יידישע ענציקלאָפּעדיע, (רוס) ב' 1. קאָל. 189, ירושלים, 1976.

אויסגעשולטע, דערפאַרענע סאָלדאַטן זענען געגאַנגען צום טויט, אָן איין וואָרט פון פּראָטעסט - ווי אַזוי זשע קאָן מען דערקלערן, אַז אין די געפּערלעכסטע אומשטאַנדן, האָט ביי אונדזער פאָלק זיך ניט אויסגעשעפּט דער גלויבן און דער ווילן זיך קעגנצושטעלן דעם שונא? פון וואָס פאַרא פעלדזן איז אויסגעהאַקט געוואָרן אונדזער פאָלק? אין די געטאָס האָט דאָך פאָרט עקזיסטירט אַן אונטערערדישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג. ס׳איז גוט באַוווסט, אַז בעת דעם אויפשטאַנד אין וואַרשאַווער געטאָ און אין אַ ריי אַנדערע געטאָס. - אין ווילנע, ביאַליסטאָק, לעמבערג, קראָקע, בענדין רידין, בראָד, קלעצק, טאַרנאָוו, גראָדנע - האָבן האַלב־לעבעדיקע יידן, פּראַקטיש מיט הוילע הענט געשלאָגן די דייטשישע רוצחים, די יידישע אַסירים האָבן אונטערגעצונדן דעם לאַגער אין קונין. די קאַצעטניקס אין שאַוונע־לאַגער זענען אָן געווער אָנגעפאַלן אויף די קאַנוואָירן. די איבערוועגנדיקע מערהייט פון די אויפשטענדלער אין געפאַלן. אָבער זייער געוואַגטקייט, מוט, העלדישקייט און גבורה האָבן אויפגערודערט די פעלקער פון אייראָפּע, וועלכע האָבן געקרעכצט אונטערן פאַשיסטישן יאָך.

די אויפשטאַנדן אין די געטאָס זענען געווען העראָישע פאַקטן, אַריינגעשריבענע אין דער היסטאָריע פון דער שואה. דאָס איז געווען אַ אומגעהויערער דראַנג פון מענטשן, וועלכע האָבן געפּרוווט נעמען נקמה אין די מחבלים פון יידישן פאָלק.

ניט געקוקט אויף געפערלעכע שוועריקייטן צו אַנטלויפן פון די לאַגערן, זענען געווען אַ סך פאַלן, ווען עס האָט זיך איינגעגעבן אַרויסרייסן פון דאָרטן און זיך אָוועקלאָזן צו די פּאַרטיזאַנען. אָבער אויך דאָרטן איז דער אַנטיסעמיטיזם געווען גענוג גרויס. אַ סך אָנגעקומענע אין די וועלדער האָבן די יודאָפאָבן דערהרגעט. נאָר די, וועלכע זענען געקומען מיט געווער און אָן משפחות האָט זיך איינגעגעבן איינגלידערן אין די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן.

די אַנטיסעמיטישע אַטמאָספערע אין אַ ריי פּאַרטיזאַנישע פאָרמירונגען, באַזונדערס אין די ווייסרוסישע און מערב־אוקראַיִנישע געגנטן, איז גורם געווען, ס׳זאָלן אויפקומען יידישע אָטריאַדן, אונטער דער אָנפירונג פון געוואַגטע, דערפאַרענע יידישע קאָמאַנדירן. אין די אָקופּירטע אייראָפּעישע טעריטאָריעס זענען במשך 1942-44 געווען טעטיק אַן ערך 100 יידישע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען - ס׳רוב פון זיי אין די ווייסרוסישע, מערב־אוקראַיִנישע, פּוילישע, ליטווישע א״אַ וועלדער. אויף זייערע באַזעס האָבן אָפּט עקזיסטירט יידישע משפחה־לאַגערן - פיל פון זיי זענען אומגעקומען. די איבערגעבליבענע האָבן דערלעבט ביז צו דער באַפרייונג פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס, און דערנאָך זענען זיי אַריין אין באַשטאַנד פון די נאַציאָנאַלע אַרמייען.

אין די געטאָס און לאַגערן פלעגן פאָרקומען אויך אינדיווידועלע ווידערשטאַנד־אַקטן און אַקטן פון מסירות נפש (קאַצעטניק, דער נסתר, חוה ראָזענפאַרב, רחל אויערבאַך, רבקה קוויטקאָווסקאַ, א״אַ).

די יידן אין געטאָ און אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן האָבן זיך אויסגעצייכנט אויך מיט אַ באַזונדערן מין פון גייסטיקן ווידערשטאַנד, וועלכער איז פרעמד און קאָן נישט געהעריק אָפּגעשאַצט ווערן לויט די סטאַנדאַרטן פון דער ציוויליזאַציע, וואָס האָט אייגנטלעך באַשאַפן אוישוויץ. די רייד גייט וועגן דער אייגנאָפּפערונג על קידוש השם און על קידוש העם. אין זיכרון פון אונדזער פאָלק זענען פאַרקריצט געוואָרן אַ שלל פון אַזעלכע פאַלן. זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן נאָר אייניקע פון זיי. אין מיידאַנעק איז פאַראורטיילט געוואָרן אַ 26־יאָריקע פרוי צו טויט־שטראָף פאַר פּרוּוון אַנטלויפן פונעם לובלינער לופטפּאָרט, וווהין זי איז געבראַכט געוואָרן צו אַרבעטן. אויפן פּלאַץ שטייט

אַ תליה, די פרוי – אונטער איר. אַרום איר שטייען אַלע אַנדערע קאַצעטניקעס. אַן ס.ס.־אָפיציר רעדט איר איין, זי זאָל דערציילן ווער ס'האָט איר געהאָלפן אַנטלויפן. – "יידן גיבן ניט אויס זייערע חברים" – ענטפערט זי דעם דייטש.

– "טו אַ קוק, אַלע לאַכן פון דיר. דו ביסט שיין און יונג. נאָר איין וואָרט און דו ביסט פריי. די וועלט איז דאָך אַזוי שיין!" – שמייכלט דער גזלן.

– היינט לאַכט איר, פון אונדז, מאָרגן וועט מען לאַכן פון אייך – האָט דרייסט געענטפערט די פאַראורטיילטע. דאָס זענען געווען אירע לעצטע ווערטער.

זאָל אויך דאָ דערמאָנט ווערן יאַנוש קאָרטשאַק, דער אויסערגעוויינלעכער פּעדאַגאָג, דער דירעקטאָר פון דעם יידישן יתומים־הויז אין וואַרשע. ווען די נאַצי־מחבלים זענען געקומען אַרויספירן די קינדער, איז ער אַוועק צוזאַמען מיט זיי, אַוועק – צום טויט, כאָטש די ס.ס.־לייט האָבן ניט געפאָדערט פון אים ער זאָל דאָס טון. ענלעך האָבן זיך אויפגעפירט דריי וואַרשעווער רבנים: מנחם זעמבאַ, דוד שאַפּיראָ און שמשון שטאָקמאַכער. צוליב פאַרהוילענע סיבות, האָט די קאַטוילישע קירך באַשלאָסן ראַטעווען די לעצטע לעבן געבליבענע דריי רבנים און אַרויספירן זיי פון געטאָ. די רבנים זענען זיך צונויפגעקומען צו באַטראַכטן דעם ענטפער. אַ לאַנגע צייט האָבן זיי געשוויגן. צום סוף האָט זיך אויפגעהויבן דער רב שאַפּיראָ: איך בין דאָ דער ייִנגסטער, דערפאַר, דאָס וואָס איך וויל זאָגן, איז אייך ניט מתחייב. מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז מיר קאָנען שוין מיט גאָרנישט העלפן אונדזערע ברידער. און דאָך, אויב מיר וועלן זיין מיט זיי צוזאַמען ביז צום סוף, וועט זיי זיין גרינגער. דאָס איז דער לעצטער חסד של אמת, וועלכן מיר קאָנען טון פאַר אונדזערע לעבן־געבליבענע ברידער. איך בין פשוט ניט בכוח פאַרלאָזן די אומגליקלעכע מענטשן. די רבנים האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרלאָזן דעם געטאָ.

אַזוי האָבן זיך אויפגעפירט אויך אַ סך פּשוטע מענטשן.

די מאָטיוון, וועלכע האָבן באַוועגט די דאָזיקע מענטשן, זענען געווען ניט פאַרשטענדלעך פאַר אַ גרויסער, צאָל "אינפאָרמירטע" געלערנטע. דער דייטשישער פּראָפעסאָר בעטעלהיים האָט וועגן דעם ענין געשריבן: "זייער טויט האָט ניט געהאַט קיין שום זינען און איז געווען אומנוצלעך – אַלע זיי זענען דאָך דערשטיקט געוואָרן, און זייער געביין האָט מען פאַרברענט און פאַרוואַנדלט אין אַש. די וואַרשעווער רבנים האָבן באַדאַרפט אַנטלויפן און נישט זיצן ווי געבונדענע גענדז, וואַרטנדיק אויף דער שחיטה. זיי וואָלטן איצט געמונטערט די צעבראָכענע הערצער און אומגעקערט האָפענונג און גלויבן צו די אַנטוישטע" (...). "קאָרטשאַק האָט זיך געפירט ווי אַ שוטה, צוליב וואָס האָט ער מקריב געווען זיין לעבן? ווער נאָך ווי ער איז מסוגל צוטוליען צו זיך די טויזנטער יתומים, וועלכע נייטיקן זיך איצט אין פאָטערלעכער וואַרעמקייט?"

אָבער, ווי ווייניק זענען אינפאָרמירט די פּראָפעסאָרן בעטעטעלהיים וכדומה וועגן די יידישע גייסטיקע ווערטן און טויזנט־יאָריקע זיטלעכע נאָרמעס! פאַר פיל יידן איז זייער איבערגעגעבנהייט צו די מאָראַלישע פּרינציפּן געווען העכער ווי פאַרהיטן דאָס לעבן. טויזנטער יידישע מאַמעס זענען פרייוויליק געגאַנגען מיט זייערע קינדער אין די גאַזקאַמערן און זיך אָפּגעזאָגט פון דעם לעבן, וואָס זיי האָבן געקאָנט פאַרהיטן, אויסנוצנדיק די פּריוועלעגיע, וואָס עס האָט זיי געגעבן די סעלעקציע. אָבער די ציוויליזאַציע, וואָס האָט באַשאַפן די מלכות פון געטאָס און טויט־לאַגערן, איז ניט פעיק צו באַנעמען די אַנטפּלעקונג פון אַזאַ מין העלדישקייט.

(המשך ז' 11)

משה שקליאַר

## ווִיפל קאָן אײנער

ווִיפל קאָן אײנער פֿאַרנעמען
פֿאַרגעסענע צײַטן און נעמען
וואָס קומען צוריק אין די נעכט
און שוועבן אַרום בײַם געלעגער -
אַלטע בעל־חובות און פֿרעגער,
וואָס מאָנען אין האַרץ זײער רעכט?

ווִיפל קאָן אײנער פֿאַרנעמען
דעם העלישן פֿלאַם פֿון גיהנום
וואָס ברענט אין זכרון און ברענט
און ס'קאָן אים קײן ים נישט פֿאַרלעשן,
און הערסט ווי עס רײַסט זיך דאָס העשען
פֿון מאַמעס און קינדערשע הענט?

איז גוט וואָס ס'שײַנט אויף דער פֿרימאָרגן
און מיט די טאָג טעגלעכע זאָרגן
זײ גײען, די פֿלאַמען, אַוועק,
אויף שפּעטער זיך ווידער באַווײַזן
און קרײַזן אַרום דיר און קרײַזן
אָן אויפֿהער, אָן סוף, אָן אַ ברעג.

## ווער וועט צו מיר איצטער שווײַגן?

מײַן גוטער חבר איז אַוועק,
אין אומבאַוווּסט פֿאַרפֿלויגן,
און נענטער ווערט צו אים דער וועג,
ווי הימל וואָלט זיך אָנגעבויגן
צו דער ערד, און כ'קאָן דערהערן
דעם שטילן פֿליסטער פֿון די שטערן.

דורך זײ איך הער די נישט דערזעדטע
ווערטער קײן מאָל נישט דערגאַנגענע,
די ווערטער פֿריִע און די שפּעטע
אין צווישנרוים געפֿאַנגענע,
און ס'קלינגען קלאַנגען אין מײַן אויער,
איך הער זײ קוים און איך באַדויער.

מײַן חבר כ'זוך אַצינד אין יעדן
נאָענטן און ווײַטן שאָטן,
מיר דאַכט, באַלד וועט ער נעמען רעדן,
נאָר ס'ווערן זײַנע רײד פֿאַרשאָטן,
ווי שערבלעך וואָלט מען אויף זײ לײגן.
ווער וועט צו מיר איצטער שווײַגן?

←

# איך שפּאַן איצטער

איך שפּאַן איצטער מיט טריט געמאָסטענע
און וואַקל זיך אַריין אין בין־השמשות,
ווי אַ שטערן וואָס האָט ווייט פאַרלאָשן זיך
נאָר לייכט נאָך אַלץ דאָ אינעם חושך.

זיי טראָגן מיך, די טריט, אין אומבאַוווסטן חלל,
נאָר כ׳גיי אַהינצו דרייסט און תכליתדיק,
ווי אַמאָל איך בין געגאַן דורך געסלעך שמאָלע,
וואָס האָבן זיך צעעפנט ברייט און רחבותדיק.

איך ווייס נישט ווען איך וועל דאָרט באַגעגענען,
ווער וועט מיר אין חלל דאָרט אַנטקעגנקומען,
צי וועט דאָרטן מיט יידישוועטער רעגענען,
אָדער עס וועט שטיין אַ קאַלטער זומער?

סיי ווי איך וועל די טריט מיינע נישט אָפּשטעלן
און גיין אַהין, וווּ ס׳איז מיר אָנגעצייכנט,
און אויב כ׳וועל, ווי אַמאָל, פּאָטיקען זיך אויף פרעמדע שוועלן
און ס׳וועט אַ פינצטערניש דעם וועג פאַרשטעלן,
דער ווייטער שטערן וועט נאָך אַלץ מיר לייכטן.

# כ׳האָב נאָך

כ׳האָב נאָך דאָס לעצטע ליד
נישט אויסגעזונגען,
כ׳האָב נאָך דאָס וואָרט ביז סוף
נישט דורגעדרונגען.

אַזוי פיל נאָך געבליבן איז
אויף צו דערקענען,
ווערטער האַלבע, גאַנצע קלאַנגען,
אומבאַוווסטע טענער.

זיי שוועבן אין די הימלען ערגעץ,
אין די רוימען,
ווער וועט זיי באַפרייען
פון די צוימען?

זיי וואַרטן אומגעדולדיק
אויפן דיכטער, זינגער,
זיך צו באַנייען, ווערן יינגער
אין זיינע פינגער.

---

(סוף פון ז׳ 9)

ס׳איז פאַראַן איין סיבה, צוליב וועלכער אייניקע יידן און נישט־יידן באַמיען זיך פאַרקריפּלען די פאַקטן פון דער יידישער אויפפירונג אונטער דעם אוממענטשלעכן יאָך פון די נאַציס - זייער אומריינער געוויסן. ביים פאָרשן די געשיכטע פון דער שואה איז גערעכטמעסיק צו פרעגן - ווו איז געווען דער מענטש? און נישט - "ווו איז געווען גאָט". די באַטייליקונג פון גאָט אין דעם היסטאָרישן פּראָצעס איז אַ האַרבע טעאָלאָגישע פּראָבלעם. אָבער, די גזילות אין די געטאָס און טויט־לאַגערן האָבן באַוויזן דאָס אַנסופיק מאָראַליש פאַלן פון דעם מענטש. פיזיש האָט די קאַטאַסטראָפע אומגעבראַכט דאָס אייראָפּעישע יידנטום. אָבער גייסטיק איז דאָס געווען אַן אַלוועלטלעכע קאַטאַסטראָפע פון דער מענטשהייט. אוישוויץ האָט באַצייכנט דעם נידעריקסטן שטאַפּל פון דער מאָראַלישער דעגראַדאַציע פון דער מערבדיקער ציוויליזאַציע. איינצייטיק איז אוישוויץ געווען און פאַרבלייבט עד־היום די לעצטע וואָרענונג פאַר דער מענטשלעכער ראַסע.

בלי ספק, אוישוויץ האָט אויך באַוויזן, אַז יידן זענען אַן עם לבדד ישכון - אַ באַזונדער פאָלק.

לילקע מייזנער

# יהודה עלבערג - צום אייביקן געדענקען

*פאַר ד"ר אירען קופּערשמיד און איר טריישאַפט*



...דער שרייבער איז פאַרגאַנגען נישט ווייסנדיק אַז ער גייט אַוועק. געעפנט האָבן זיך די טויערן פון אייביקייט און איינגעשלונגען נאָך איינעם, און אָרעמער איז געוואָרן אונדזער וועלט, אונדזער יידישע וועלט. אגב, גייסטיק איז ער אַוועק אַ סך פריער, געווען געפּאַנגען און צוגעשמידט צו אַ וועלט, וואָס איז אים געווען אומבאַקאַנט, און אפשר - באַקאַנט, פאַרשלאָסן און פרעמד אין דער גייסטיקער געפאַנגענשאַפט פון דימענסיע. אין טעג פון מינוטיקן באַוווסטזיין - איז ער צוריק געוואָרן דער נישט דורכשינטלעכער שעפער און חכם. אָט אין אַזאַ מינוט האָב איך אים געזען דאָס לעצטע מאָל. דאָס לעצטע מאָל ווען ער איז מיט אימפּעט געלאָפן זוכן פּאַפּיר און אַ פעדער, צו נאָטירן עפּעס אַ געדאַנק, וועלכער האָט זיך געפּלאָנטערט אין זיין קאָפּ: "איך דאַרף פּאַפּיר, פאַרשרייבן..." און מיט דעם האָט זיך עס געענדיקט - יהודה איז אַריבער אין דער צווייטער וועלט - אין זיין איצטיקער. זיין פּנים האָט זיך נישט געענדערט. ראָזעווע באַקן, צעשמייכלטע אויגן און דאָס פּנים מאָדנע מילד.

ערשט מיט אַ יאָר אַפריער זענען מיר געזעסן צוזאַמען און געשמועסט, און דער אימפּעט פון זיין טראַכטן איז געווען אַזוי פריש, אַזוי יונג - אַזוי פיל פּראָיעקטן פון שאַפן נייע ווערק, צוגרייטן לעקציעס און זאַמלען, זאַמלען יידישע חפצים, וואָס זענען געוואָרן אַ טייל פון זיין לעבן. דער אימפּעט פון זיין רעדן איז געווען דער אימפּעט פון זיין גאַנצן וועזן. אימפּעט פון שאַפן, פון טאָן, פאַרווירקלעכן, נאָכיאָגן דאָס, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען, אימפּעט פון פאַרווירקלעכן טרוימען און אימפּעט פון נישט פאַרגעסן, פאַרנאָטירן, פאַראייביקן. דער אימפּעט פון אַ כראָניקער, וועלכער דאַרף אַלץ פאַרנאָטירן, אַלץ פאַרשרייבן און מיט אַ פאָטאָגראַפיש אויג זען און דורכזען געשעעענישן - און אויף דעם סמך דערציילן. דאָס איז די ראָל פון אַ כראָניקער, דערציילער, דאָס איז די ראָל פון גבית עדות, און דאָס איז געווען די אויפגאַבע פון אים, דעם שרייבער,כראָניקער, דערציילער - יהודה עלבערג.

אַ שרייבער האָט זיין וועג פון טראַכטן, זיין פאָרעם פון שאַפן, זיין דיסציפּלין פון פאָרמירן אַ דערציילונג, אַ נאָוועלע, היסטאָרישע פּאַסירונגען. עלבערג איז נישט געווען קיין היסטאָריקער, שטאַרק דיסציפּלינירט אין פאַקטועלע געשעענישן - ער איז אָבער געווען דער עדות, דאָס אויג און האַרץ פון די פּאַסירונגען, וועלכע זענען אין זיין דמיון פאַרפיקסירט געוואָרן און אויף אַזאַ אופן האָט ער דאָס פאַרשריבן אין זיינע שריפטן.

פון וואַנען איז דער שרייבער צו אונדז געקומען. ווו איז זיין וויג געשטאַנען און וועלכע השפּעות האָבן אויף אים געווירקט ער זאָל ווערן דאָס, וואָס ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט?

יהודה עלבערג איז געבוירן געוואָרן אין אַ שטעטל לעבן לאָדזש, אָבער דערצויגן געוואָרן אין דער לאָדזשער סביבה, ווו ער האָט זיין קינדהייט און יוגנט פאַרבראַכט. דאָס איז געווען אַ סביבה פון רבנישן ייחוס, סיי פון טאַטנס און סיי פון דער מאַמעס צד. דאָך איז זיין פאָרמירונג געווען אַ יידיש־סעקולערע מיט טיפע יידיש־נאַציאָנאַלע וואָרצלען. זיין ליבע צו וואָכעדיקע און יומטובדיקע יידן איז טיף איינגעוואָרצלט אין זיין וועזן – דאָס וואָכעדיקע ווערט ביי דעם שרייבער יומטובדיק, און דאָס יומטובדיקע וואָכעדיק, זיינע העלדן זענען אַלטאָגיקע מיט האַרץ און נשמה, טייל מאָל – אָן נשמה. רויע, אָן באַפוצונגען, יעדער פון זיי האָט אַ באַזונדערע שליחות, אַ באַזונדער אָרט אין דער גאַלעריע פון אימאַזשן, וועלכע איז אַזוי גרויס, פילפאַרביק, מיט אַ פאַרנעם און טיף פסיכאָלאָגישן אַנאַליז. יעדער העלד אָדער העלדין ווערט אָפגעמאָסטן מיט טיפער פאַרשטענדעניש, מיט ליבע און אַריינדרינגונג, און טייל מאָל שטיל, מיט אַ וואָרט אָדער אַ זאַץ קריטיקירט און אין דער זעלבער צייט אַנאַליזירט.

עלבערג האָט דעביוטירט מיט זיין ערשטער קליינער נאָוועלע "בער לעפ" אין יאָר 1932. שוין דער נאָמען אַליין זאָגט אייך עפעס. איר פילט, אַז דאָס איז אַ נאָמען מיט אַ "פאַטשעפקע" – אַ צונאָמען. "בער לעפ", דער הויפט כאַראַקטער אין דער דערציילונג, איז אַ פראָסטער ייד אַ בעל־עגלה. רוי ווי די ערד אַרום אים. ער שטרעבט צו האָבן אַ קינד – ווי ער אַליין זאָגט – אַ קדיש נאָך זיך. אָבער די פרומע יתומה, וועלכע ווערט זיין ווייב, קען אים קיין קינד נישט געבערן. ער קען איר אָפגטן, און אַלע רעדן אים צו צו דעם. אָבער ער, "בער לעפ" האָט זיין מאָראַל, זיינע "פראָסטע געזעצן", וועלכע זענען פאַר אים גאָר וויכטיק. אָט דער פשוטער רויער בעל־עגלה האָט אָן איינגעבוירענע וואָרעמקייט און פאַרשטענדעניש, "מען פאַרשעמט נישט קיין יתומה" אַזאַ איז זיין "רויע" פילאָזאָפיע.

"בער לעפ" וועט זיין אַ צוגרייטונג און שפעטערדיקע פאַרברייטערונג פון סוזשעט אין עלבערגס גרויסן וווּנדערלעכן ראָמאַן אונטערן נאָמען "קלמן קאַליקעס אימפעריע". דער פראָבלעם און טעמאַטיק פון אונדזער "אונטער קלאַס" איז דעם יידישן לייענער באַקאַנט דורך די שריפטן פון פיל יידישע שרייבערס, און דער עיקר, אונדזערע קלאַסיקער. אָבער עס קומט מיר אויפן געדאַנק דער יידיש־רוסישער שרייבער איסאַק באַבעל, וועלכער האָט אין זיינע "מעשיות פון אָדעס" אַראָפגעבראַכט אָט די צווייטע קאַטעגאָריע יידן און זיי געגעבן אַ גאָר בכבודיק אָרט. "בעניע קריק" דער "זשוליק" און גנב – האָט זיין "קאָדעקס" פון רעכט און ער איז אויפריכטיק אין פאַרטיידיקן זיינע "געזעצן" דער אָדעסער יידיש־רוסישער שרייבער, באַבעל, און עלבערג, האָבן זיך ערגעץ ווו אַ האַנט געגעבן און מיט זייערע אויפמערקזאַמע אויגן און טיפער פאַרשטענדעניש אָט די טיפן אויפן ווייסן בלאַט פאַפיר געבראַכט, כדי שפעטער פאַרברייטערן די קאַנווע און אַריינשטעלן זיי אין דעם געוואַנט פון אַלגעמיינעם יידישן פייזאַזש.

יהודה עלבערג איז געווען אין די אָנהייב־יאָרן פון זיין שאַפונגס־וועג, ווען די הימלען זענען פאַרצויגן געוואָרן מיט גרוי־שוואַרצע וואָלקנס און דער אָנהייב פון סוף איז מיט גרויזאַמע טריט אָנגעקומען כדי אָפצומעקן, דורך פיין און אויסראָטונג, דאָס מזרח אייראָפעישע יידנטום און דעם נוסח פון זייער לעבן. דער שרייבער אַנטלויפט פון לאָדזש קיין וואַרשע, און דאָרט, אין דער הויפטשטאָט פון פוילן, ווערט ער דער עדות און כראָניקער פון לעבן און אומקום פון די יידן אין וואַרשע. עלבערג איז אַן אויסערגעוויינלעכער אָבסערוואַטאָר. ער פאַרחמתמעט די פאַקטישע געשעענישן און

רעאַקציעס פון די יידן, און שפעטער, אַלס דערציילער, פּאַרשפּינט ער זיי אין זיין ערשטן נאָכמלחמה־בוך "אונטער קופּערנע הימלען".

דעם שרייבערס נע־ונד, זיינע איבערלעבונגען אין געטאָ, און שפעטער אויסער די געטאָ־מויערן, ווערן געשילדערט נישט נאָר פּלאַסטיש דימענסיאָנעל, נאָר מיט יעדער שאַטירונג און קנייטש, טיף פּסיכאָלאָגיש, און אויף דעם אופן שאַפט ער דאָס בילד פון לעבן און אומקום. דער יידישער גורל האָט אַרויפגעלייגט אויף די אַקסלען פונעם שרייבער די מאָראַלישע אויפגאַבע צו דערציילן, פאַרשרייבן און ברענגען צו דער יידישער, ווי אויך נישט יידישער וועלט, די גאַנצע טראַגיק, ווי אויך דערהויבונג פון אומקומענדיקן דור יידן. עלבערג אידעאַליזירט נישט סיטואַציעס - ער שילדערט געוויסנהאַפט, און אין דעם רעפּאָרטירן איז דאָ אי די דערהויבונג, אי די נידערלאַגע. און אין דעם באַשטייט די גרויסקייט און קונסט פון זיין שרייבן.

ער ווערט געטראָגן פון אַ געוויסן אימפּעט, דעם קרעאַטיוון שאַפונגס־אימפּעט, און אין יאָר 1974 ווערט געבוירן די קרוין פון זיין שעפערישקייט, די נאָוועלע "אויפן שפּיץ פון מאַסט". דאָס איז איינע פון די שטאַרקסטע און פולסטע באַשרייבונגען פון אונדזער יידישער און מענטשלעכער טראַגעדיע. עלבערג האָט זיין הויפּט־העלד געהאַט אין דמיון פּאַר אַ לאַנגער צייט. ער האָט אים געשליפן און געצייכנט אויף דער קאַנווע פון יידישן משפחה־לעבן, און פאַרברייטערט צו דעם גאַנצן אַרום, וואָס הייסט וואַרשעווער געטאָ און אַלע אַנדערע געטאָס. ער נעמט אונדז פּאַר דער האַנט און פירט דורך אַלע גילגולים. מיר עטעמען מיט די פּערסאָנאַזשן, ליידן צוזאַמען מיט זיי, פילן און טרעפן זיך מיט דעם "אויסער־געטאָ"־מענטש - די קריסטן, זעען און לעבן אַדורך באַזונדערע פּאַסירונגען און באַציונגען פון די קריסטלעכע שכנים. דער הויפּט־העלד איז פערצן יאָר אַלט. אַ קינד, און ער וואַקסט אויס צו אַ רייפן, פול מיט ליידנשאַפט, פאַראַנטוואָרטלעכקייט, דערוואַקסענעם געטאָ־ייד, אַ געיאָגטן, געפּלאָגטן, און מאָראַליש שטאַרקן. עלבערג האָט אַ סך סימבאָלישקייט אין דער נאָוועלע. דער רעאַליזם פון די געשעענישן האָט פון זיך אַליין געבוירן אָט די סימבאָליק - די סימבאָליק פון אויסדויער, יידישער שליחות, טראַגיק און געשיכטלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דאָס איז אַן עפּאָפּעע פון אונדזער טראַגישער תקופה. דער שרייבער האָט אונדז אַנטפּלעקט דעם טיפסטן תהום און דעם ליכטיקן באַרג־שפּיץ. צוערשט אומקום און דאַן ווידערגעבורט!

עלבערג איז פּראָליפיש אין זיין שאַפונגס־וועג. אין יאָר 1976 קומט אַרויס זיין בוך "צעוואָרפענע זאַנגען". נאָך אַלץ איז זיין טעמע "חורבן". ווי קען עס זיין אַנדערש. זיין העלד האָט טענות צו גאָט פּאַר אומברענגען זיינע ליבסטע. ער קעמפט מיט זיך, מיט דעם אַרום, און אַלס פּראָטעסט, גייט ער אַוועק פון זיין יידישן גאָט און יידישן פאָלק. אָבער דער אייביקער אָפּטימיסט, יהודה עלבערג, לאָזט נישט דעם העלד פאַרפאַלן ווערן צווישן פרעמדע. ער נעמט אים אַוועק פון זיין פּסיכישער פאַרצווייפלונג און ברענגט אים אין נייעם לאַנד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אויף די חורבות פון אומקום. און דאָרט, אין דעם נייעם לאַנד, ווערט אונדזער העלד ווידערגעבוירן און קומט צוריק צו זיינע וואָרצלען כדי זיך היסטאָריש ווידער פאַראייניקן מיט זיין פאָלק. די טיפע פאַרשטענדעניש, פּסיכאָלאָגישער אַריינבליק מאַכט די העלדן אונדז נאָענט, און מיר זעען זיך אין זייער שפּיגל. די ראַנגלענישן, פאַרצווייפלונג, שפּראַצונגען פון האָפענונג און שטילער שטופנווייזער ווידערגעבורט שאַפן אַ גאַנצקייט.

דער ווידערגעבורט ביי עלבערגן קומט אַרויס אין זיינע "חסידישע מעשיות". ווידער ווערט געבוירן זיין אַלטע סביבה, דעם רבינס הויף, די חסידים מיט זייערע פריידן און

ליידן, מיט זייערע טרוימען און דערוואַרטונגען. ס'איז אַ בוך פול מיט נאָסטאַלגיע, אַ רעסטאַווירט לעבן פון וועלכן ער איז געווען אָפּגעזונדערט, אָבער די אַלטע וואָרצלען זענען טיף אַריינגעוואַקסן אין זיין גאַנצן וועזן.

פונקט אַזוי קומט ער צוריק צו זיין שטעטלשער סביבה אין דעם ראָמאַן "קלמן קאַליקעס אימפּעריע" וואָס גייט אַרויס אין יאָר 1983. פון דעם קליינעם שטעטעלע ווערט דורך קלמנס הילף געבוירן אַ שטאָט. זיין פּיזישער צושטאַנד שטעלט אים אַוועק פּאַר גרויסע נסיונות און ער קומט זיי אַדורך, כדי ווייזן וואָס קלמן קאַליקע קען אויפטאָן. דער שרייבער שילדערט די געשעענישן אין דער אימפּעריע ביז צום יאָר 1933. און דאַן לאָזט ער איבער פּלאַץ, אַז דער לייענער זאָל זיך פאָרשטעלן וואָס שפּעטער, גאָר שפּעטער איז פּאָרגעקומען. די טיפּאַזשן זענען שטאַרקע, קאָלירפולע, פול מיט יידישער חכמה. זיי זענען דינאַמיש, טייל מאָל ברוטאַל און אויך סענסיטיוו. דאָס זענען טיפּאַזשן פון אַ געגעבענער צייט, אָרט, מיט ירושהדיקע שטריכן. יהודה עלבערג איז דער פּאַראַנטפאָרטלעכער זון פון יידישן פאָלק, וועלכער פאָדערט פון זיך און פון דעם אָרום געזעלשאַפטלעכע פאַראַנטפאָרטלעכקייט.

דאָס יידישע פּאָליטישע און קולטור־לעבן, וואָס איז אַזוי טראַגיש צעבראָכן געוואָרן נאָך אונדזער גרויסן חורבן, ווערט צוריק ביסלעכווייז אויפגעבויט, און עלבערג נעמט אָנטייל אין דעם ווידערגעבורט, ער איז טיף פאַרבונדן מיט ישראל, דאָרט ווו אַ טייל פון אונדזער פאָלק לעבט און שאַפט, דאָרט אָטעמט דער פּילבאַרער שרייבער. זיינע ווערק ווערן איבערזעצט אין עטלעכע שפּראַכן און ווערן אָפּגעשאַצט און אָנערקענט נישט נאָר פון יידישן לייענער, נאָר אויך אויף דער ענגלישער גאַס.

יהודה עלבערג האָט איבערגעלאָזט אַ קאָלאָסאַלע ליטעראַרישע ירושה – אַ שילדערונג פון טויזנט יאָריקן היסטאָרישן לעבן פון די יידן אין פּוילן. און פּאַראייביקט האָט ער עס נישט נאָר אין זיינע ערשטע צי שפּעטערדיקע ביכער, נאָר קודם כל אין זיינע לעצטע דריי ביכער – צוויי בענד "ליימענע הייזער" און דאָס דריטע בוך "מאָרגן ביז אָוונט". די גאַנצע יידישע פּאַנאָראַמע איז געמאָלן געוואָרן אויף די בלעטער פון די דאָזיקע ביכער. יוגנט, אַלטקייט, פרום, סעקולער, גערער־שטיבלעך, וואַרעמע יידישע היימען, ליבעס, ראָמאַנען, אָרעם, רייך, יוגנט־שטרעבונגען און טרוימען, יידישע געזאַנגען, העברעישע ניגונים, שטעטל, שטאָט, יידיש לעבן, יידישע פּראָבלעמאַטיק, טויזנט־יאָריקע יידישע איינגעוואָרצלדיקייט – אַזאַ איז דער געמאָלענער טריפּטיק זיינער.

* * *

...איז די פּעדער מער נישטאָ אין זיין האַנט – און זיין שטים איז פאַרגאַנגען. וועט דאָס וואָרט בלייבן און דער צוקונפטיקער היסטאָריקער וועט אויף דער קאַנווע פון זיינע ביכער דערזען דאָס לעבן, קאַמף און טויט פון דעם טויזנט יאָריקן יידישן ישוב אין פּוילן. יהודה עלבערג איז געווען דער איבערגעגעבענער זון פון זיין פאָלק, און דער כּראָניקער פון זיין צייט. און ווי אַזעלכער וועט ער אַריין אין די אַנאַלן פון יידישן שאַפן. ער איז געווען די פאַרבינדונג פון דעם נעכטן און היינט, אַריינגעגעבן אָטעם אין די נעכטיקע טעג און נשמה אין דעם היינט.

יהודה עלבערגן, דעם יידישן דערציילער, אַריינדרינגער אין דער יידישער נשמה, כראָניקער פון אונדזער פאַרגאַנגענער וועלט – צו זיין ליכטיקן אָנדענק אָנשטאָט בלומען.

יהודה עלבערג

* * *

אַז שלמהלע געדער דאַוונט שחרית איז שוין ליכטיקער טאָג און צייט אַרויפּצוציען די ראָלעטן. אָבער אַ מכה וועט די טריפּהנע קישקע ביי מיר קריגן מער ווי זויערקרויט ביז אָוונט. דאָס ברויטל וועל איך האַלטן גאַנץ ביז ליכטצינדן, לכבוד שבת. ניין, אַפילו נישט אַ רעפטעלע איצט. אויב כ׳וועל נאָר אָנהייבן דאָס ברויט וועט שוין שווער זיין בייצושטיין דעם יצר־הרע.

איך מאַך אַ פייער אין דער קיך, כ׳על מיר אָפּקאָכן אַ קאַפּושניאַק. איך האָב טאַקע נישט קיין קאַרטאָפל, קיין וווּשטלעך, קיין מאַרכביין, אָבער דאָס וויכטיקסטע אין אַ קאַפּושניאַק איז דאָך דאָס זויערקרויט און דאָס האָב איך.

איך האָב זויערקרויט, און דאָס זויערקרויט האָט אַ ריח. ס׳איז פאַרפוילט און אַדורכגעוואָקסן מיט שימל. כ׳נעם אַ ביסל אין מויל אַריין, דאָס איז סם־המוות נישט קרויט.

איך נעם אַרויס דאָס ברויטל און צייכן דערויף ליניעס מיטן מעסער. ביי אַזאַ זולל־וסובא ווי מיין בויך איז, קאָן דאָס גאַנצע ברויטל "פאַרברענט" ווערן אין אַ רגע, איך מוז פון פאָרויס אָנצייכענען די פּאָרציעס, עס זאָל אָנהאַלטן ביז די נייע באָנעס. דאָס רעפטל וועט זיין אויף אָנבייסן, איך וועל זיך היינט באַגיין אָן מיטיק. די טעג זענען שוין קורץ, אידער מ׳עט זיך אַרומקוקן, וועט שוין זיין אָוונט און שבת.

עמעץ קלאַפּט אין דער טיר. ווער קאָן עס זיין אַזוי פרי?

איך האָב געדאַרפט אַוועקלייגן דאָס ברויטל איידער כ׳בין געגאַנגען עפענען די טיר. זלמן בלווישטיין איז אַריינגעקומען. דערזען וואָס כ׳האַלט אין דער האַנט, קאָן ער נישט אָפּרייסן די אויגן דערפון.

"זעץ זיך, זלמן, ווו ביסטו ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן? נישט געזען דיך אַ שאָק מיט יאָרן. וואָס מאַכט זינע:"

"זינע? אַ דאַנק, נישקשה". זלמן לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ בענקל. איך גיי כלומרשט זוכן אַ בענקל פאַר זיך און לייג דערווייל אַריין דאָס ברויט אין קרעדענץ.

"זינע איז נישקשה," חזרט זלמן איבער און קרעקט זיך מיט אַ וואָרט. ׳אויב ס׳וואָלט נאָר נישט געווען אַזוי קאַלט," שטאַמלט ער קוים אַרויס. "געדענקסט עפּעס באַלד נאָך סוכות אַזאַ קרירה. צוריקגעשמועסט, אפשר איז עס גוט. אפשר וועלן די טיפוס־באַצילן געפרוירן ווערן."

"זלמן, דו ביסט נישט געקומען באַלד אין דער פרי רעדן וועגן וועטער. דו ביסט עפּעס אין אַ צרה. רעד, מיט מיר מעגסטו רעדן אָן הקדמות."

"אין אַ צרה? חלילה. ס׳איז מיר געשען אַ נס, יודעלע האָט עס געהאַט."

"וואָס מאַכט יודעלע? ער קומט צו די כוחות? נאָך אַ טיפוס דאַרף מען אַ סך עסן".

פרעגן וואָס יודעלע מאַכט האָב איך געדאַרפט און געוואָלט, אָבער ס׳איז געווען נאַריש צוצוגעבן אַז ער דאַרף איצט אַ סך עסן, די דייטשן האָבן צוגענומען זלמנס פאַבריק דעם ערשטן טאָג וואָס זיי האָבן פאַרנומען לאָדזש, די פאָלקסדייטשן, די אָרטיקע דייטשע שכנים, האָבן אים אַרויסגעטריבן פון זיין שיינער דירה עטלעכע וואָכן שפּעטער. ער איז געקומען אין וואַרשע, ווי מע זאָגט, נאַקעט און בלויז. ער האָט אַפילו נישט קיין "טשוכעס", געגנוצטע מלבושים צו פאַרקויפן, איך האָב דאָך אויך נישט וואָס צו געבן אים, צו וואָס שיטן אים זאַלץ אויף די ווונדן?

"דער קריזיס איז אַריבער. ער האָט נישט געהאַט קיין כוח אַפילו אויפצומאַכן די

אויגן. דו האָסט אַוודאי מורא אַז וועסט זיך אָנשטעקן פון מיר? קענסטו דאָך זינען, זי האָט אַלץ גערייניקט און געוואַשן מיט קאַרבאָל, בעסער ווי אין שפּיטאָל."

"כהאָב נישט קיין מורא און מע קאָן זיך סיי־ווי נישט אויסהיטן, מיינסט עס פעלן טיפוס־קראַנקע אין דעם הויז? אַפילו דאָ, די אַנדערע טיר פון מיינער."

"איז וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? יאָ, מען האָט געמוזט געבן יודלען עפּעס וואָס זאָל אים צוריקברענגען צו די כוחות. זינע האָט געזאָגט: אַ ביסל הינערנע יויך. ווו כ'האָב גענומען אויף הינערנע יויך? דאָס טאָקע וויל איך דיר זאָגן. 'כהאָב פאַרקויפט די באָנעס און געקויפט אַ שטיקל הון. ביז די נייע באָנעס וועלן אַרויסקומען וועט מען לעבן אויף די זופּן פון די פאָלקסקיכן, אַבי מיר האָבן יודעלען געראַטעוועט און אין אַ וואָך אַרום וועלן שוין זיין די נייע באָנעס. איז, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן. יאָ, וואַסערדיקע זופּן, אָבער מיט די נייע באָנעס וועט שוין זיין אַ שטיקל ברויט פאַר אונדז און מ'עט קאָנען אָפּגעבן חובות. כ'מיין ברויט־חובות פאַרשטייסט מיך? ס'איז אַזוי; היינט איז צען יאָר נאָך אונדזער חתונה. איך האָב שוין געהאַט פאַרשיידענע צייטן אין לעבן, דו ווייסט דאָך - אַ מאָל אויפן פערדל, אַ מאָל אונטערן פערדל, אָבער אַלע מאָל אין דעם טאָג געפּראַוועט אַ יום־טוב. אַ מאָל האָט מען געמאַכט בעלער, היינט? כ'האָב געטראַכט, אויב איך וואָלט ערגעץ ווו געקאָנט קריגן געבאָרגט אַ האַלב ברויטל - - אַ פּערטעלע וועט אויך געבוג זיין".

אַ שטילקייט אין שטוב. ניין, ס'איז שוין גאָרנישט אַזוי שטיל. זלמן שווייגט, איך שווייג, אָבער איך הער אַ פּולס קלאַפּט ווי משוגע. ניין, ס'איז נישט מיין פּולס, מיין האַרץ איז געבליבן שטיין פאַרגליווערט. ווייזט אויס אַז דאָס ברויטל אין קרעדענץ האָט אַ האַרץ און עס האַלט ביים פּלאַצן, און דער דיבוק אין מיין בויך רייצט זיך מיט מיר: מיר האָסטו געקאַרגט אַן איינציקן ביסן, איצט - -

זלמן שטעלט זיך אויף אָן אַ וואָרט און נעמט זיך שלעפּן צו דער טיר. איך שטרעק מיין האַנט צום קרעדענץ, כ'גיב אַ שטאָך אַריין דאָס מעסער אין דעם ברויט און צאַפּל אויף ווי איך וואָלט עס אַריינגעשטאָכן אין מיין בויך. איך שנייד אָפּ אַ האַלב ברויט מיט אַ האַסטיקן שניט און דערלאַנג עס זלמנען. ער כאַפּט עס און לויפט צו דער טיר.

"ביי די בלווישטיינס וועט היינט זיין יום־טוב," פאַרענטפער איך זיך פאַר מיין בורטשענדיקן מאָגן. איך וויל גיין באַהאַלטן דאָס געבליבענע האַלבע ברויטל, לאַכט מיין דיבוק מיט יאַשטשערקעס: ס'וועט דיר באַלד אונטערקומען נאָך אַזאַ מיצווהלע. באַהאַלטן דאָס ברויט אויף שבת, באַשליס איך. דאָס מויל גאַווערט, דער קאָפּ שווינדלט, די הענט וואַרפן זיך ווי אין קדחת, די שטוב וואַקלט זיך אַרום מיר, נאָר די פיס זענען שטאַרק און פאַרעקשנט צוגענאַגלט צום אָרט. איך שטרענג אָן אַלע מיינע כוחות און קאָן נישט שטעלן די פּאָר טריט צום קרעדענץ.

אַ גערודער אין הויף. טאַטע־זיסער! דער זלמן איז געוואָרן אַזוי צעיאַכמערט אַז ער האָט נישט באַהאַלטן דאָס ברויט הינטער דער פּאָלע. אַ "כאַפּער" האָט אַוודאי ביי אים צוגעכאַפּט מיין ברויט. מיינע געליימטע פיס גיבן זיך אַ ריס, אַ לויף.

"וואָס איז געשען?" פרעג איך די מענטשן אין הויף.

"דער פּאַוויאַק־אויטאָ," ענטפערט אַ שכן.

"וואָס איז געשען? ווער - - ?"

מנחם שטערן / ניו־יאָרק

# אַלטער טייך

כ'בין אַ מידער, אַלטער טייך.
כ'טראָג אויף מיין פלאַך
דעם טונקל פון שווערע, קרישלענדיקע בריקן
און דעם טרויער פון רויכיקע פּאַרט־שטעט.
די העלע וואָלקנס און הויכע, חכמהדיקע בערג
וואָס איך באַגעגן אויפן וועג - שפּאָטן פון מיר.
מיינע אַמאָל קלאָרע, יאָגנדיקע וואַסערן
האָבן שטייניקן מדבר געשליפן,
און די ברעגן ווי פּאַפּירוסן
פאַרצייכנט מיט דויערנדיקע הערגאָליפן.
היינט פלעסקען זיי מיט קראַנקן לאַמענט
לענגויס ברעגס פעלזיקע ווענט.

# אין אַזאַ נאַכט

דער וועג איז באַרגיק און לאַנג.
אַ גאָס רעגן פאַלט, די וואָלקנס ברומען
און פון יעדער טונקעלער קוסטע
שפּרינגט אונז נאָך אַ טראָט ווי אַ שלאַנג.
ענדלעך זיץ איך אונטער אַ פריינדס דאַך
און דורך אַ קליינער דאָרפישער שויב
איך קוק אויף צעריסענע וואָלקנס,

סומנע שטערן,
אַ בלאַסע לבנה,
און איך טראַכט:
כאָטש כ'בין אַלט און שוואַך
דאָך פרעג איך גאָט:
ווּהין פירסטו מיט דער וועלט
אין אַזאַ מוראדיקער, שוואַרצער נאַכט?

←

---

"וואָס איז געשען? דאָס וואָס געשעט אַלע מאָל ווען דער פּאָוויאַק־אויטאָ פאָרט איבער די געטאָ־גאַסן. אַלע זענען אַריין אין די הויפן, אָבער דער, נעבעך, איז געלאָפן אַרויס און זיי האָבן אים פּאָטשאָפּעט."'
'וואָס איז־ - ?"
'וואָס עס איז געשען? וואָס קאָן געשען אַז אַן אַנגעפּרעסענער דייטש דערלאַנגט מיט אַן אייזן איבערן קאָפּ.
איך שלעפּ זיך אַרויס אין גאָס. ס'איז טאַקע זלמן. דער קאָפּ איין שטיק בלוט, אַ האַלב ברויטל - איין שטיק בלוט.

---

*) פונעם בוך: "צעוואָרפענע זאַנגען".

מ. אײזענבוד / מעלבורן

## געמאַכט די הײם־אַרבעט

### (דערצײלונג)

די ײנגסטע אין קלאַס פון אינסטיטוט "בילדונג פאַר דערוואַקסענע", איז געווען עוועלין, די לערערין. די מיטליאָריקע מענער און פרויען האָבן אויף איר געקוקט מיט וואַרעמקייט און צוגעלאָזנקייט. פאַר זיך האָט יעדער, אויף זיין שטייגער געפילט, אַז דער איינגעשטעלטער סדר - ווען די דערפאַרענע דאַרפן לערנען די ייִנגערע - האָט זיך דאָ איבערגעדרייט. ס'האָט זיי אויסגעזען, ווי אָן אייגענע טאָכטער, וועמענס טריט מען האָט אָפּגעהיט און וועלכער מ'האָט געלערנט גיין - האָט מיט אַ מאָל איבערגעשפּאַנט אַלע גרענעצן און אַצינד צייכנט זי אָן פאַר די עלטערע זייער וועג אין אַ וועלט, וואָס איז געווען פאַר זיי פאַרבאָרגן.

צייטנווייז האָט עוועלין זיך געפילט ניט באַקוועם צו לערנען מענטשן מיט גרויע קעפּ, ווי ס'וואָלט איר ניט געווען באַקוועם צו לערנען איר אייגענעם טאַטן, צו וועלכן זי האָט - זינט זי געדענקט - אַרויפגעקוקט מיט טיפן דרך־ארץ און באַוווּנדערונג. פאַר איר איז דער טאַטע געווען דער פּערפעקטער מוסטער פון אַ מענטש, אין וועמעס פוסטריט זי ווינטשט זיך צו גיין...

מיטן לויף פון די לעקציעס, די פּראָבלעמען פון סאָציאָלאָגיע און פּאָליטיק, וואָס זענען אַרויסגעשפּרונגען אין די דיסקוסיעס צווישן די שילער גופא, און אירע אייגענע געדאַנקען - האָט זיך ביסלעכווייז איינגעשטעלט אַ האַרמאָניע, אין וועלכער עלטער האָט אויפגעהערט צו זיין די מאָס פון געניטקייט. עוועלין - ניט ווילנדיק אַליין ווי אַזוי דאָס איז געשען - באַמערקט ווי די מיטליאָריקע גרויע קעפּ זענען ייִנגער געוואָרן; זיך

←

---

## צו אַ וויַיטן פריינד

כ'קען דיך מער נישט באַגריסן מיט האַנטס באַוועג
און נישט מיט וואַרעמען בליאַסק פון אויג.
ביסט וויט, וויט אַוועק
און אומזיסט דאָס קוקן אין די וואָלקנס און הימל.
ביסט אַריבער אַלע פלי־גרענעצן פון ערדישן באַנעם,
אַפילו דער בלויער פויגל פון מיין דמיון
קען דיך מער נישט אָניאָגן.
קום צוריק וויַיטער פריינד! קום
צו אונזער אַלטן, גרויען פּלאַנעט,
צום הויז מיטן שינדל־דאַך
און שטויב־באַדעקטער שוועל,
צו וויַיב, קינד, פריינד און גאָט,
און צום בליעבץ פון בלומענטאָפּ
אויף אַ פענסטער וואָס איז זוניק־העל.
קום, לאָמיר זיך אַנידערזעצן אין רויש
פון אַלטן עפּלבוים
און זיך צוהערן צום געזאַנג פון בלעטער און ווינט,
און לאָמיר פאַרגעסן דעם אין־סופיקן רוים.

אַריינגעוואָרפן אין דיסקוסיעס מיט יוגנטלעכן ברען, אַז ניט איין מאָל האָט זיך איר אויסגעדוכט: זי איז ווידער אין לערער־סעמינאַר, אין יענע הייסע יאָרן פון דער וויעטנאַמער מלחמה; פון דער וויטלאַם־רעגירונג, ביי וועלכער מען האָט אין אַ שיינעם פרימאָרגן, ממש אונטער דער נאָז, אַוועקגענומען אַלע רעכטן צו רעגירן מיטן לאַנד.

אַ שול־קלאַס, ווי יעדער געזעלשאַפט וואָס נעמט זיך פאָרמירן, איז פון אָנהויב אָן אַן איינפּנמדיקע מאַסע, פון וועלכער עס נעמען זיך פאַוואַלינקע אויסטיילן אינדיווידואַלן; מען נעמט דערקענען כאַראַקטערן, עס הויבן זיך אָן דורכרייסן פּערזענלעכקייטן, וועלכע הויבן אָן געבן דעם טאָן מיט זייער אַגרעסיווקייט. עס נעמען זיך אויך מערקן פּאַסיווע שווייגער, כאָטש דער לערער פּרובירט אין זיי אויפוועקן אינטערעס, אַריינציען זיי אין דער דיסקוסיע. ער ווייס: די וואַנט פון פּאַסיווקייט קאָן אַמאָל פאַרשטעלן אַ ברויזנדיקן קוואַל פון געדאַנקען, וועלכע זוכן אַ וועג צו דער אויבערפלאַך.

עוועלינס קלאַס פון „בילדונג פאַר דערוואַקסענע" האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ פעלקער־ליגע, און כאָטש אַלע האָבן גערעדט ענגליש - האָבן אַ סך פון די שילער געהאַט זייער אייגענע מוטער־שפּראַך, קולטור און איבערלעבונגען, וועלכע זיי האָבן מיטגעבראַכט פון אייראָפּע. אָט די דערפאַרונגען האָבן זיך אָנגעזען אין די עסייען און דיסקוסיעס. עוועלין האָט זיך באַמיט די שילער דערמוטיקן און אַרויסזאָגן זייערע מיינונגען און שטימונגען.

אין דעם קלאַס האָט זיך פאַר שיפרינען אַנטפּלעקט אַ נייע וועלט. שיפרין, וואָס איז אגב געווען אַ ביז־גאַר פאַרנומענער מענטש, איז דאָ ניט געקומען זוכן געזעלשאַפט, ווי עטלעכע פון זיינע מיט־שילער, מענטשן אויף עמיריטור, וועלכע ווילן נוציק פאַרברענגען די פרייע צייט.

די אייגנשאַפט אָנצופירן האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט נאַטירלעך זינט די אַלע יאָרן, ווען ער איז געווען פאַרטאָן אין אויפבויען די פירמע: " שיפרין און קאָמפּ". ניט געקוקט אויף זיין פּאָזיציע, איז דער חשק צו לערנען ניט פאַרטעמפּט געוואָרן דורך דער נויטיקייט פון מאַכן אַ לעבן. כאָטש אָנהויב זעכציקער, ווען מענטשן ווילן געוויינטלעך געניסן פון דער פּרוכט פון זייערע דערגרייכונגען, האָט ער דאָך באַוויזן אָפּצושפּאָרן געניג ענערגיע און עקשנות אַוועקצוזעצן זיך אויף דער שול־באַנק.

פון די ערשטע לעקציעס האָט עס עוועלין דערשפּירט. זי האָט באַקומען אָפּשיי פאַרן הויכן, דאַרן מענטשן מיט די באַזילבערטע האָר און גרויע אויגן וואָס האָבן ליבלעך געקוקט אויף איר דורך די דיק־ראַמיקע ברילן.

פון אָנהויב האָט שיפרין ניט געקאָנט פאַרטיק ווערן מיט זיך אַליין, מחמת קיינער קאָן ניט אַרויסשפּרינגען פון זיין אייגענער הויט. ער האָט אין עוועלין געזען דעם האַלבן טוץ מיידלעך, וועלכע טראָגן אים דעם גוט מאָרגן אַנטקעגן און וואַרטן אויף זיינע אָנווייזונגען, ווי אַזוי צו דערליידיקן די פאַרוויקלטע מסחרים, וועלכע די פירמע פירט. מיט זיין עקשנות האָט ער אָבער זיך באַוויזן איבערצוקעמפן און פאַרגעסן, אַז ער איז דער דירעקטאָר פון אַ פירמע.

ערשט דאַן האָבן זיי געפונען די פאָרם, לערערין און שילער. אויפצונעמען אָנווייזונגען, אָנשטאָט אַרויסצוגעבן דירעקטיוון.

מיט דער צייט האָט זיך דער קלאַס אויסגעסדרט ווי אַן אָפּגעשלאָסענע געזעלשאַפט און דאָס האָט אַריינגעבראַכט פאַמיליאַרקייט, אין וועלכער עס האָבן אָנגעהויבן פאַרנעמען אַן אָרט זכרונות, ווי אַ טעמע פאַר שריפטלעכע אַרבעטן.

אין דער טבע פון זכרונות ליגט די אייגנשאַפט, וואָס זיי ווילן ניט לאָזן זיך

אויסמעקן פון דעם לעבנס־באַנד, ווי מען מעקט עפּעס אויס פון אַ פאַרשריבענער טאַשמע, עפּעס וואָס איז שוין מער ניט נויטיק. אין דער דימענסיע האָט זיך עוועלין ניט אַריינגעפּאַסט. זי האָט איינפאַך ניט געהאַט קיין זכרונות, מיט וועלכע זי זאָל קאָנען ביישטייערן אין די שמועסן, וואָס האָבן אָנגערירט די פאַרגאַנגענהייט. די מלחמה־יאָרן האָט זי אין אויסטראַליע דורכגעמאַכט ווי אַ יונג מיידל - צו יונג צו האָבן מלחמה־דערפאַרונגען, כאָטש אין יענע יאָרן האָט אין מעלבורן און סידני געווימלט מיט אַמעריקאַנער זעלנער, מיט ליבע־אַוואַנטורעס... מיט שנעלע חתונות, וועלכע האָבן געטראָגן אויף זיך דעם צייכן פון דער צייט: "מלחמה־כלות".

* * *

צוערשט איז שיפרין געווען ענטוזיאַסטיש מיט דער אויפגאַבע, וואָס די לערערין האָט פאַרגעבן: שרייבן אַ קורצע דערציילונג באַזירט אויף פליטימשאַפט, אָדער מלחמה־איבערלעבונגען. דאָס איז זיך צונויפגעפאַלן מיט זיינע פאַרבאָרגענע ווונטשן צו געבן זיין יוגנט אַן אָרט אין זיין לעבן. אַן אָרט - וואָס דאָס לעבן גופא האָט איבערגעהיפּט. זיין יוגנט איז געווען פאַרבונדן מיט די געצווונגענע וואַנדערונגען איבער דער לענג און ברייט פון אַ זעקסט־חלק פון דער ערד. וואַנדערונגען פון אַן איינזאַמען יונגן בחור.

דאָס שרייבן איז אייגנטלעך געווען איינער פון די אַרגומענטן וואָס ער האָט באַנוצט, כדי זיך אַליין צו איבערצייגן, אַז די שול וועט אים אין דעם העלפן.

שיפרין האָט ממש געפיבערט. ער איז עס בכוח צו טאָן. ער האָט די נויטיקע שפּראַך דערצו. די איבערלעבונגען רייסן זיך צו פאַרפלייצן דאָס פּאַפּיר. יעדער עפּיזאָד וויל אַרויס פריער, טאָמער האָט שיפרין חרטה און האַלט אים פאַרשפּאַרט. עפּיזאָדן אין זכרונות זענען אפשר ענלעך צו מענטשן: זיי האָבן פיינט, אַז מען לאָזט זיי ניט קומען צום וואָרט. זיי רייסן זיך צו דער פריי.

אין מיטן פון שרייבן, ווען דער ווילדער אויסגוס האָט זיך גענומען אויספּאַרמירן אין אַ מיובשדיקן, שטיל־שטראָמיקן טייך - איז אויך שיפרין געוואָרן מיושבדיקער. אים האָט זיך גענומען דוכטן, אַז ער איז זיך מתוודה, וואָרעם אין לויף פון שרייבן האָט ער געזען פאַר זיך די לערערין.

- דאַרף ער זיך מתוודה זיין פאַר עוועלין?

ער אַליין קאָן שוין באַלד ניט באַנעמען, אַז דאָס, וואָס ס'איז מיט אים אין יענע יאָרן פאַרגעקומען הינטער די אוראַלער בערג, קען זיין איז ניט מער ווי די צעהיצטע פאַנטאַזיע פון אַ יונגן בחור. אויסגעבענקט נאָך דער נאָענטקייט פון אַ פרוי...

- האָט ער זיך גענויטיקט אין אַ פרוי? אין אַ מאַמען?

אָבער פאָרט:

נאַטאַשאַ איז אַ לעבעדיקער מענטש. ער קאָן זי באַשרייבן מיט אַלע איינצלהייטן, ווי זי וואָלט נאָר וואָס פאַר אים געשטאַנען און יאָרצענטליקער האָבן קיין שליטה ניט געהאַט - ניט אויף איר שלאַנקן קערפּער און ניט אויף זיין, שיפרינס, מוח ווו זי האָט זיך פאַראַנקערט צום בלייבן.

פעטיאַ, איר מאַן, איז צוריקגעקומען פון פראָנט אַ הינקעדיקער, אָבער פאָרט: מיט פיטעקען האָט ער שנאַפּס געטרונקען... און ווי קאָן מען פאַרגעסן דעם זעקס יאָריקן פאַווליקן? אָט איז ער: אַ קינד מיט שטרויענע האָר, אַ באָרוועסער, אין אויסגעוואַקסענע הייזלעך, מיט אַ פאַרשניפּט נעזל און מיט אויגן פון אַ היימיש, הונגעריק חיהלע, וואָס

קוקט מיט דאַנקבאַרקייט אויף דעם, וואָס וואַרפט אים צו אַ ביסן. טוט שיפּרין אַ גלעט די באַזילבערטע האָר, ווי צו איבערצייגן זיך, אַז זיי זענען שוין היפּשלעך שיטער געוואָרן, אַז עס איז שוין ניט מער יענער שיפּרין.

– וועט עווע׳לין אים גלויבן?

די זאָרג האָט געהאַמעוועט זיין שרייבן, האָט דענערווירט.

– און אַז ניט – ווען מען אַרט עס?

וועט עס עווע׳לין קאָנען אויפנעמען ווי דער זעלנער פּיאָטר מיכיילאָוויטש, וואָס האָט אים מכבד געווען מיט בראָנפן, און געקלאַפּט אין פּלייצע, גערופן אים: בראַטאָק און זיעמליאַק און דרוזשאָק – דערפאַר טאַקע, וואָס ער האָט אין די הונגעריקע יאָרן אַרויסגעהאָלפן זיין משפּחה?

און כאָטש ביי שיפּרינען אין הויז זענען שוין אַרומגעלאָפן דריי אייניקלעך, האָט ער נאָך אַלץ ניט געקאָנט פונאַנדערקלייבן זיך אין בערטאָס שטימונגען, און אַלץ ניט געקאָנט פאַרויספילן, ווי זי וועט קוקן דערויף, נאָכן איבערלייענען וועט זי אַוודאי אַ זאָג טאָן:

– פאַר ווען באַרימסטו זיך דאָ.

אויף אַזוי פיל – קאָן מען זאָגן – האָט שיפּרין דאָך געקאָנט זיין פרוי.

די האַנט וואָס האָט געפירט די פעדער האָט זיך פאַרהאַלטן. די זכרונות האָבן זיך געריסן אין דרויסן אַרויס אָבער די ספקות זענען געווען ווי אַ מויער אין אַן ערד-ציטערניש, וואָס קרישלט זיך און פאַרשיט דעם אַרויסגאַנג פאַר די, וואָס ווילן זיך ראַטעווען.

– זאָל ער אָפּגראָבן דעם אַרויסגאַנג און פריי לאָזן די געדאַנקען?

דער חשק צום שרייבן האָט אים באַהערשט מיט דעם בלינדן אימפּעט, ווי עס באַהערטש אַמאָל אַ מענטשן, וואָס וואַרפט זיך אין פייער צו ראַטעווען אַנדערע.

"דער פראָסט, ווי דער שטייגער פון מיטווינטערדיקע אוראַלער פרעסט, איז געווען אַ ברענענדיקער, אָבער אַ שטילער. ער האָט זיך ניט געלאָזט פילן, כאָטש די לופט וואָס מען האָט געאָטעמט, איז געווען ווי דינער, אומזעבאַרער גלאָז.

דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די טריט. אויפן ראַנד פון הימל האָט זיך געדרויטלט אַ ווייטע שיין. עמעצער האָט באַמערקט, אַז דאָס מוז זיין דער אָפּשיין פון פאַרלאָרן ליכט. אַן אַנדערער האָט געהאַלטן, אַז מיר זענען נאָך ניט אַזוי נאָענט צום צפון, און די שיין איז פון די קוימענס פון די שמעלץ-אויוונס, די דאָמנעס. גאָר וויכטיק איז עס אויך ניט געווען. און דערפאַר האָט זיך קיינער ניט געשפּאַרט דעריבער. מיר זענען געווען אַ מאַן אַכט, יידישע בחורים פון פוילן, פּליטים, וועלכע זענען געלאָפן פון אומעטום און געהאָפט צו געפינען אַן אָרט, מען זאָל ווי ניט איז קאָנען איבערלעבן די מלחמה. עס איז געווען אָנהויב פון יאָר 1944.

אין דער צוזאַמענווינונג פאַר פריילידיקע, אין וועלכער מיר זענען נאָך אַ לאַנגן מאַרש אָנגעקומען, איז געווען וואַרעם, אָבער פוסטלעך. עטלעכע עלטערע מענטשן זענען געזעסן אויף די בעטלעך און גלייכגילטיק באַטראַכט די נייע מענטשן, וואָס וועלן אַרבעטן דאָ, אויפן קאָמבינאַט. זיי האָבן געקוקט אויף אונדז און געשמייכלט צו זיך מיט אַ שמייכל, וועלכן נאָר זיי אַליין האָבן פאַרשטאַנען.

טאַקע ניט צומאַרגנס. אָבער מיט דער צייט האָבן מיר עס אויך פאַרשטאַנען. אויפן קאָמבינאַט האָבן געאַרבעט כמעט בלויז פרויען און עלטערע מענער, אָן וועלכע מען האָט זיך שוין דאָ ניט געקאָנט באַגיין און וועלכע האָבן סיי ווי ניט געטויגט מער פאַר

זעלנער. צוליב דער ווינטערדיקער אָנגעפּעלצטקייט האָט מען זיך ניט געקאָנט פונאַנדערקלייבן אין עלטער פון די פרויען. אויך זייערע שטימען האָבן גאָרניט פאַראַטן. זיי האָבן אַלע גערעדט הייזעריקלעך און געקלונגען האָבן די שטימען כמעט מענעריש, מיט אַ לשון וואָס איז שוין געווען אַבסאָלוט מענעריש...

דער ערשטער פון אונדזער גרופּע, וואָס איז אַרויס ווינען פריוואַט צו אַ באַלעבאָסטע, וואָס האָט געהאַט אַ פריי בעט צום שלאָפן, איז געווען נח, דער גאַליציאַנער. פון וועלכן פונקט מען זאָל זיין האַנדלונג  ניט באַטראַכטן, האָבן אַלע באַווייזן גערעדט לטובת אים.

אין דרויסן איז געווען אַ מלחמה. ער איז געווען אי אַ בחור, אי אַ פּליט, אָן פאַרבינדונגען און אָן פליכטן. ער האָט אין גאַנצן ענין צופּיל ניט אַריינגעטראַכט. און אַ חוץ דעם: צו זיינע געשעפטן האָט ער געדאַרפט אַרויס פון דער צוזאַמענוווינונג, מען זאָל אים ניט געבן קיין עין הרע...

נח האָט געאַרבעט אויפן ספּירט זאַוואָד. און ספּירט איז תמיד אַ גאַנגבאַרע מטבע, איבערהויפּט אין די הענט פון די, וואָס ווייסן ווי אַזוי זיך מיט דעם צו באַגיין.

אַ שכנה פלעגט אַריינקומען דאָרט, ווו נח האָט געהאַט זיין קוואַרטיר. אַ יינגל האָט די שכנה געהאַט פון אַ יאָר זעקס־זיבן. דער מאַן אויפן פראָנט. אַן אָנשטענדיקן קוואַרטיראַנט וואָלט זי אַריינגענומען. אַזוי האָט מיר פאַרזיכערט נח, און לויט אים, זעט ער ניט קיין בעסערן קאַנדידאַט – ווי מיך.

– דער יינגסטער און דער סאַמע אָנשטענדיקסטער פון דער חברה, און אַ באַלאָבאָסטע וועט צו אים ניט צולייגן – אַזוי האָט נח פאַרזיכערט דער שכנה – ווייל דער פאַריעניאַק אַרבעט אין פּראָמטאָרג[1] פון קאָמבינאַט.

דער גאַליציאַנער האָט ניט נאָר אין זינען געהאַט זיינע געשעפטן, נאָר אויך מיינע. ער האָט זיך געפילט ווי אַ שטיקל אַפּוטרופּוס, און דערפאַר האָט ער מיך אַביסל שפּעטער פאַרהערט:

– ווי געפעלט דיר דיין קוואַרטיר און ווי באַהאַנדלט מען דיך דאָרט?

וואָס האָב איך דערויף געקאָנט ענטפערן? דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט וויסן – ביי דעם האָט עס נאָך ניט געהאַלטן...

די באַלעבאָסטע האָט זיך ניט באַקלאָגט. פּאַווליק, דאָס יאַטל, איז שוין מער ניט געווען הונגעריק. דאָס ברויט איז שוין מער ניט געווען פאַרבונדן אין אַ זעקל און אויפגעהאָנגען אויף דער וואַנט. געוואָרפן מיט ברויט האָט מען זיך טאַקע ניט, און צום ברויט איז אויך תמיד געווען, אַפילו אין טעפּל אַריינצולייגן.

נחן איז געלונגען אין מסחר, כאָטש ריזיקירן האָט מען געמוזט, און "שמירן" האָט מען געמוזט, דערפאַר האָט זיך ביי אים אַ ליבע מיט דער באַלעבאָסטע פאַרקניפּט גאַנץ לייטיש. די נעכט זענען געווען לאַנגע און קאַלטע, און ווו אַהין צו גיין איז אויך ניט געווען, און חוץ אַלעמען – מלחמה אָדער ניט מלחמה – יונג איז מען אויך ניט אייביק, און אַלץ וואָס מען קאָן אויסטייטשן ניט אָנשטענדיק, פאַרשרייבט מען אויפן חשבון פון דער מלחמה...

די מלחמה האָט זיך נאָר וואָס געהאַט געענדיקט. אין דרויסן האָט פאַרשמעקט מיט פרילינג און מיט רעפּאַטריאַציע. קיינער האָט נאָך ניט געוווּסט, אַז די היים עקסיסטירט בלויז אין אונדזער חלום. דער חלום איז געווען דער עלעקסיר וואָס האָט גענערט דעם

---

1) האַנדלס־אָפּטייל.

ווילן צום לעבן. זען די היים... צוריק אַהיים... אַ כוואַליע פון עקזאַלטאַציע, אַ מין גייסטיקע שכרות האָט אַרומגעכאַפּט די פּליטים וואָס האָבן געהאַט אַ טאָפּלטן באַגער:

– אַוועק פון דאַנען – צוריק אַהיים...

דאָס געפיל קאָן נאָר פאַרשטיין אַ מענטש, וועלכן מען האָט פאַרמשפּט אויף אייביקער תּפיסה, און איין פרימאָרגן מאָכן זיך די טויערן אויף – און ער גייט אַרויס אין דרויסן. אַ פרייער מענטש... נחן איז ענג געוואָרן אויףביידע פּראָנטן. די דירעקטאָרן פון זאַוואָד האָבן זיך גענומען גרייטן צוריק אין די אַלטע היימען. זיי האָבן דעריבער געוואָלט האָבן אַ "ריינעם טיש"... צוליב אַ קליינִיקייט האָט מען דאָ געקאָנט איבערבלייבן אויף היפּשע עטלעכע יאָר. מיט אַמאָל האָט פון זיי גענומען בלאָזן אַ ווּיסטע קעלט. וואָס האָט אָנגעיאָגט אַ פרעמדקייט און אַן אימה. דאָס נאָכקוקן די חשבונות איז שוין מער ניט געווען קיין קאַטאָוועס. אַרויסקריגן אַ דוכלאָז־דערלויבעניש האָט מען געמוזט אויסשפּייען די גאַל און צושטעלן באַווייזן. אַפילו דער וועכטער האָט גענומען ציילן די פּעסער ספּירט מיט אַ שטיק קרייד אין האַנט, און פאַרשרייבן זיי גענוי אין דעם דוכלאָז־שיין.

קאַטיע – דאָס מיידל מיט וועלכער ער האָט געוווינט – איז געבליבן די זעלבע קאַטיע. אַ ווייבלעכע, אַ צוגעלאָזענע. נאָכגעגעבן נחס אַלע קאַפּריזן. געפינען אַ מאַן אין יענער צייט, מיט הענט און פיס, אָן ווונדן, אָן עפּעס אַ פאַרדרייעניש אין קאָפּ – איז ניט געווען פון די לייכטסטע זאַכן. איבערהויפּט נאָך אין אַזאַ העק. הינטער די אוראַלער בערג. קאַטיע האָט עס אָפּגעשאַצט און נח האָט חלילה זיך ניט געהאַט אויף וואָס צו באַקלאָגן, אַכיבע אויף דעם, וואָס די מלחמה האָט זיך געענדיקט. ביי אים אין קאָפּ האָבן זיך אין די טעג געשפּונען פּלענער, אָבער אָן פאַנטאַזיע. ניכטערע. ביז גאָר תּכליתדיקע. אין זיי איז פאַר קאַטיען קיין אָרט ניט געווען.

– מיט אָט דער בתולה זיך צוריקקערן אַהיים?

אויפן ספּירט־זאַוואָד האָט זיך די פּעטליע אַרום זיין האַלדז גענומען פאַרציען. מען האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז אַ פּוילישער ייד, אַ בעזשעניעץ, אַ ניט זיכערער עלעמענט – אַ יונגער מענטש וועלכן מ'האָט אַפילו אויפן פראָנט מורא געהאַט צו נעמען.

פאַרנאַכט איז קאַטיע אַריינגעקומען מיט פאַרוויינטע אויגן. נח איז ניטאָ. שוין די דריטע נאַכט ווי ער יאַוועט זיך ניט אַהיים. זיינע זאַכן זענען אויך פאַרשוווּנדן.

– מסתמא וועט ער צוריקקומען. געוויס ערגעץ צוגעפאָרן – האָב איך איר געטרייסט.

– ניין – איז קאַטיע באַשטאַנען אויף ס'איריקע – ער וועט ניט צוריקקומען."

* * *

שיפרין האָט זיך געכאַפּט, אַז ניט דאָס האָט ער זיך פאַרמאָסטן צו באַשרייבן. ווייזט אויס – האָט ער אַ טראַכט געטאָן – עס איז לייכטער צו דערציילן וועגן יענעם. און נאָך האָט ער אַ טראַכט געטאָן:

– און איצט איז די צייט זיך מודה זיין אין די בחורישע זינד? ווען מען באַטראַכט אָבער דעם ענין אַביסל אַנדערש קאָן גאָר אויסקומען, אַז ער האָט געהאָלפן אַ פאַמיליע פון אַ פראָנטאָוויק, פון אַ מענטשן אין פייער מיט אַ שונא, וואָס איז אויך זיינס, שיפרינס, שונא.

– מעגלעך – איז שיפרינען איינגעפאַלן – עוועלין וועט עס אָננעמען ווי שרייבערישע פיקציע – אָט, אַן אויסגעטראַכטע מעשה...

סיי ווי, פֿאַר דער לערערין עוועלין וועט דאָס אַלץ אויסזען ווי אַ שטיק עקזאָטיק.

"אַלעמען האָט מען אויפֿן קאָמבינאַט גערופֿן לויטן ערשטן נאָמען און לויטן פֿאָטערס נאָמען, וועדליק עס פֿירט זיך ביי די רוסן. נאָר דווקא מיך האָט קיינער ניט גערופֿן: גרישע סאָלאָמאָנאָוויטש. שיפֿרין האָט פֿאַר זיי געקלונגען קירצער און עפּעס עכטער, רוסישער...

מיט דער קוואַרטיר האָב איך דווקא געטראָפֿן. די באַלעבאָסטע - אַ ציכטיקע, אַן אַרבעטזאַמע, און אַז מ'האָט זיך גוט צוגעקוקט - ניט קיין מיאוסע, פֿאַרקערט. נאָך אַ טאָג אַרבעט אויפֿן זאַוואָד האָט זי אָפּגעקאָכט אַן אָוונט-ברויט, ווי אין יענע טעג - אַ גאַנץ לייטישן. די שטוב אויפֿגעראַמט, דאָס בעט - ריין, אַלץ אויסגעוואַשן פֿאַר מיר, פֿאַר דער ווירטשאַפֿט. מיר האָבן געגעסן צוזאַמען. פֿאַווליק, דאָס יאַטל, האָט זיך צוגעקלעפּט צו מיר.

- דיאַדיאַ - האָט ער מיך גערופֿן. פֿעטערל. ער האָט געבענקט נאָך אַ טאַטן, וועלכן ער האָט קוים געדענקט. אַפֿילו נאַטאַשאַ האָט מיך קיין מאָל אַנדערש ניט גערופֿן ווי שיפֿרין. און שיפֿרין האָט אַריינגעבראַכט אין שטוב צום עסן, מער ווי נאַטאַשאַ האָט פֿאַרדינט פֿון איר אַרבעט.

די בריוו, וועלכע זענען געקומען פֿון פּראַנט, שפּעטער פֿון די שפּיטאָלן, זענען געווען פֿון אַ סאָלדאַט, וואָס בענקט נאָך דער וואַרעמקייט פֿון דער משפּחה, און זענען געווען פֿול מיט זאָרג, ווי אַזוי זיי קאָנען זיך דורכשלאָגן.

- ניט קיין שלעכטער באַלעבאָס פֿיעטקע - דערציילט נאַטאַשאַ - נאָכן לייענען די בריוו. טרינקט אַביסל, ווי אַלע אָבער האָט אין זינען די משפּחה. איז גוט מיט די הענט אויפֿן זאַוואָד און אין דער ווירטשאַפֿט, תּמיד געטראַכט, אָט וועט מען זיך אַביסל אויסברייטערן, פֿאַרגרעסערן די ווירטשאַפֿט, קויפֿן אפֿשר אַ קו - האָט אים די מלחמה צוגעכאַפּט.

ערגעץ ווו האָב איך אויך געהאַט אַ משפּחה - און אויך וועגן מיין משפּחה האָט נאַטאַשאַ געלאָזט פֿאַלן אַ זיפֿץ.

- אפֿשר - גאָט וועט געבן - וועסט זיי אָפּגעפֿינען...

עס איז שוין געווען היפּשער פֿרילינג. די נעכט - פֿראָסטיקע, לבֿנהדיקע. די טעג - כמעט שוין וואַרעמע. אַ גרעזל האָט גענומען שפּראָצן. ביי מיר האָט אויך די האָפֿענונג גענומען אויפֿגיין, אָט ס'וועט שוין לאַנג ניט געדויערן און מ'וועט ווידער זען די היים... היים האָט געהאַט טויזנט פּנימער, וואָס זענען אומגעשווומען אין דער פֿאַנטאַזיע, ווי אַ שיף וואָס שווימט אַריין אין רעגנבויגן.

אין איינער אַזאַ פֿרילינג-נאַכט האָב איך מיט אַמאָל דערשפּירט, ווי עס איז ענג געוואָרן אין בעט. די ענגשאַפֿט איז אָבער געווען אַן איבעראַשנדיקע און אַן אָנגענעמע. נאַטאַשאַ האָט מיר איינגערוימט אין אויער: - ליג רויק. וועק ניט אויף פֿאַווליקן. פֿון איר שווערן אָטעמען האָט מען אַרויסגעפֿילט, אַז פֿאַר איר איז עס געווען אַ געוואַגטקייט אויף וועלכער זי האָט זיך סוף כּל סוף פֿאַרמאָסטן.

זי איז געווען אַביסל פֿאַרשעמט. איך - אַביסל איבעראַשט. ווען די פֿאַרשעמטקייט און איבעראַשונג זענען פֿאַרביי - איז שוין געווען נאָך אַלעמען...

דאָך האָט זי נאָך אַלץ געפֿילט, אַז זי מוז זיך עפּעס פֿאַרענטפֿערן:

- האָב ניט קיין פֿאַריבל, טייערער - צו לאַנג געווען אָן אַ מאַן...

(המשך ז' 36)

פיניע פלאָטקין

## אין יענע טעג

(פראַגמענט)

לעם שוועל כ׳שטעל זיך אָפּ,
כדי אויסטאָן די שיך.
אָט בין איך אין שטוב
און זעץ זיך לעם טיש,
ווו שטענדיק איך זיץ.
איך געפין ניט די פּען,
ס׳קלאַפּט אין פענצטער אַ ווינט,
מאַנהעטן ברענט -
זיינע טורעמס פאַרשווינדן.

פון דער שטול כ׳הויב זיך אויף
פאַרשוויצט, אין איין העמדל -
סוף־כּל־סוף ניט איך שלאָף,
סוף־כּל־סוף ניט איך דרעמל.

כ׳ווער ניט בטל, ניט קראַנק,
ס׳ווערט מיר צו הייס אין צימער,
שווער אַ פרישער געדאַנק
מיך, לעם שרייבטישל, קימערט.

ווו ווערן זיי נעלם,
ווי געפינט מען דעם צורר.
כ׳בין, פשוט פון יענע,
וואָס האָבן ניט מורא
פאַר אים, פאַר דעם צורר.

ווער, אויסער רדיפות,
אַן אויסוועג געפינט ניט,
אַן אורטייל אַ גרינגער
פאַר אים עקזיסטירט ניט.

## מע דערציילט

ווען צייטווייליק
דער הימל ווערט ריין -
פון אויבן אַראָפּ
אין מאַנהעטן
שיטן זיך שטיינער,
גרויסע און קליינע -
יאָ, שטיינער און שטיינדעלעך,
ווי קינדערשע ביינדעלעך
פון פאַרשיידענע מינים
און פונקט ווי מלאכים אַנטקעגן
פאַרזאָרגטע שוועבן,
ביז הייזעריק ווערן
וויינען און טענהן:
מאַמעלע מיינע...
מאַמעלע מיינע...

* * *

דער שטויב אויף דער ערד
זעצט זיך אָפּ, טיפער ווערט,
דער ביטערער רויך
דעם הימל פאַרשמוציקט.

לעםביידע טורעמס
איז אָטעמען שווער,
נאָך שווערער איז זען,
וואָס דאָרט, אינווייניק, טוט זיך.

דוד וואָלפע / יאָהאַנעסבורג

# 95 אָרביטן אַרום זיך
## און
## העראָיזם פון רײנקײט

אין דעם זונטיקדיקן באַגינען האָט די צװײ־צי־פֿערדיקע צאָל 95 אַרײנגעפּלאַטערט אין מײן פענצטער, זיך געצויגן זילבערשטראַליק אויס לענג דעם בלאָ־דורכזעיקן האָריזאָנט און אַ נײער טאָג איז געבוירן געוואָרן. אין האַרצן האָט זיך מיר אַ מיש געטאָן דער באַקאַנטער צאַפּל פון פרייד און שרעק. עס איז דער אַלט־געוואָרענער, ווי איך, עסענץ פון מײן לעבן, דאָס פּיצל נס־לעבן, וואָס זײנע אָפּגעזונקטע בלעטער־יאָרן צײלן זיך אין מײן כראָניקאַלן פײער־לוח. ס'איז ניט קײן אויסטראַכטעניש. אָט האָט נאָך אַ יאָר שוין ווידער געמאַכט דעם קרײז און שטײן געבליבן אויפֿן זעלביקן טאָג. איך געדענק אים. איך דערקען אים. ס'איז מײן טאָג: דער זיבעטער סעפּטעמבער. פּולע 95 מאָל אין אָרביט. איך פּיל דעם וווּנדער וואָס שליסט אָפּ דעם לעצטן קרײז פון נאָך אַ מתנה־יאָר פון מײן שר־החיים. הײנט ווײל איך געדענקען, זיך דערמאָנען און מער פון אַלץ חלומען, אַ סך חלומען פון די גליקלעכע, זוניקע טעג אין מײן יוגנט, וואָס ליגט באַהאַלטן אין די קדושה־קעמערלעך פון זכרון. אָנרירן די תמימותדיקע פרײד פון נעכטנס מיט מײנע אַלטע לעבעדיקע פינגער און פאַר אַ רגע ווערן ייִנגער... אָט קומט אָן מײן טאָכטער, עוועלין, מיך ברענגען אין רעסטאָראַן, ווו איר גאַנצע משפּחה וועט לכבוד מיר פראַווען דעם טאָג. אַן אַפריקע־פרילינגטאָג נעמט אונדז אויף מיט אַ גאָלדן זון אין בלאָען קרישטאָליקן זעניט. אומבאַמערקט גליטש איך זיך אַרײן אין זאַל, און באַשײדן לאָז איך זיך אַראָפּ בײם ברעג פון טיש. דאָ וועט מיך קײנער ניט טשעפּען. אַלע דאָ ווײסן שוין מײנע רגילותן און מען רעספּעקטירט זײ. ווו איך זיץ איז מײן אויבנאָן, און מ'לאָזט מיר אַלײן מיט מײנע טראַכטענישן. די אַרומיקע טויבע שטילקײט קריכט אַרײן צו מיר אין מוח. איך האַלט אין האַנט אַ בעכער פול מיט פינקלדיק רויטן ווײן און געדענק ניט מער די ברכה. נײן, נײן איך מוז זיך דערמאָנען! און איך הער אַ קינדיש קולכל: "על היין, זײדע"... און איך וויש די פאַרדרעמלטע אויגן. בײ מײנע קני שטײט מײן ייִנגסטע אײניקל, מײן זונס, אַלפּיס, טעכטערל, קײלע־בעט. זי גיט מיר, צוזאַמען מיט אַ קוש, אַ קאָלירט קאַרטל וואָס זי האָט ספּעציעל פאַר מיר געצײכנט. איר קינדישע מתנה מאַכט מײן טאָג. אַלע זענען פאַרטאָן אין דער אַכילה, און איך אין


אונדזער פרײנד און חשובן "חשבון" מיטאַרבעטער,
דעם באַוווּסטן שרײבער, מחבר פון פילצאָליקע ווערק

**דוד וואָלפע**

האַרציקע ברכות צו זײנע 95 יונגע יאָרן, און ווונטשן
פון ווײטערדיקער שאַפערישקײט –

**עד מאה ועשרים!**

פאַר דער פאַרוואַלטונג
און רעדאַקציע פון "חשבון" –
**משה שקליאַר**

מחשבות. די מוח־מאַשינקע, אויבן, מאָלט נאָך קלאָרע בילדער, ניט ווי די פּיס, אונטן, וואָס שליאָנדערן קוים. צו מאָל טוט אַ דערמאָנונג הינטערוויילעכץ אַ שפּרונג צו די יינגלשע קונדסישע יאָרן. אָ, ווי גוט ס'איז געווען. ווי גוט = = אַ האַנט טוט מיך אַ צי: "שוין שפּעט. איך וועל דיך נעמען אַהיים". און עוועלין פירט מיך צוריק און לאָזט מיר אַליין. אין פענצטער לעשט זיך דער רויטלעכער גליווער פון אַ טאָג. און מיר איז אומעטיק. אוי, ווי אומעטיק! כ'וואָלט איצט אַריינטאָן מיין קאָפּ אין יאַרקרייז וואָס שליסט זיך אָפּ און וויינען, גריילעך וויינען. אין מוח קריכן סמוטנע פילאָסאָפיעס וועגן סוף. סוף. פון די קרייזן. סוף פון אַ לעבן וואָס איך האָב מיט אַזאַ איכיק־פאַרליבטער גינציקייט אָוועגגעגבעט פון אונטער די חלפדיקע הענט פון הונדערטער מלאך־המוותן אין ברוינעם גיהנום. די פאַרטונקלעטע זון טוט אַ פאַל אין אַ שוואַרצן תהום. נאַכט - - איצט וואַרט איך אויף מיין זון הערבערט, וואָס וועט קומען מיך נעמען צום צווייטן אַקט פון דער דראַמע 95. מיין בליק איז אָנגעצילט אויפן ציפערבלאַט און מיין אויער איז אָנגעשפּיצט צום שטילן דרויסן. די סעקונדעס טיקען צו פאַמעלעך. מיט אַ מאָל אַ ברום פון אַ מאָטאָר און איך טו אַ שפּרונג: הערבערט! און איידער מיין געשריי פאַרשטילט, בין איך שוין אין דרויסן. ס'איז מיין טאָג פון חסד. דער אויטאָ טראָגט מיך פון שימחה צו שימחה. מיר ביידע שווייגן. און מיר אין האַרצן ווידער טרערן. דער ברייטער טויער עפנט זיך און אַ שלל מיט ליכטער טוט אַ בליאַסק. דער אילומינירטער שטיינערנער ריז איז פייערלעך צעבליצט לכבוד מיינע יאָר־אַרביטן. פאַר וואָס קומט מיר אָט די גרויסע זכיה?! און פּלוצלינג דערפיל איך אויף די ליפּן דעם קלאַנג פון אַ ווייטן יונגן ליד, ווען מיר וועלן די גאַנצע וועלט אין אַ פּאַלאַץ פון פרייד און פרייהייט פאַרוואַנדלען. און אין מיטן פון גלייביקן געזאַנג האָט אַ מבול פון בלוט מיין דור דערטרונקען און זיין חלום פאַרשניטן. איצט שפּאַרן די טרערן אַרויס פריי און ס'ווערט מיר לייכטער. איך וויש די אויגן מיט הוילע פינגער. גוט אַז קיינער האָט ניט געזען. אין די גרויסע, צום טייל דרויסנדיקע רוימען, ווערט מען פאַרלוירן. און מיר זענען אַלע דאָ אין גאַנצן זיבן. הערבערט און זיין משפחהלע: די בעל־הביתטע, זיין פרוי, שרון, און זייערע צוויי זין, יהונתן און דילאַן. און לכבוד מיר, אַ פּנים, האָט הערבערט פאַרבעטן אַ פּאָרל געסט, געקומענע מיט יאָרן צוריק פון ישראל. מיט עטעכע יאָר צוריק האָט ער מיר מיט זיי באַקענט און מיר האָבן זיך נאָענט באַפריינדט. דער מאַן איז אַ מאָל געווען אַ חבר אין קיבוץ פון השומר הצעיר אין בית זרע, וואָס האָט נאָך אַלץ, צו מיין שטאָלץ, געגאָלטן ווי "מיין קיבוץ", הגם שייכותדיק איז עס געווען מחמת די חברים מיינע פון אַ פריערדיקן קיבוץ, וואָס זענען אַהין אַוועק. איך מאָל די בילדער, אידיליש־פאַנטאַסטיש, אין מיין גרויסער פּאָעמע "קריקוועג", און באַדויער וואָס כ'האָב ניט זוכה געוון צו אָט דעם בכבודיקן מעמד. - - די פרוי זיינע איז פון אַ מאַראָקאַנישן אָפּשטאַם, דערצויגן אויף עברית, אין מדינת ישראל. מען פילט אַז דאָס לשון איז פאַר איר אַ בימקום מאַמע־לשון און זי האָט אים ליב. רייד איך טאַקע מיט זיי אויף צוויי שפּראַכן, עברית און ענגליש, און ווי אַ צוטשעפּעניש צו מאָל אַ פּסוק יידיש. איז אַן אָוונט מיט זיי אַ מין זיך דרייענדיקע קאַרוסעלקע פון רייד, שפּאַס און בליצלעך דערמאָנונגען פון עבר. איצט האָב איך דערציילט פון מיין געוועזענעם אַמאָל. ברעקלעך לעבן זענען אַרויסגעשפּרונגען פון די טונקעלע מוח־באַהעלטענישן. איך בין אַריין אין אַ טראַנס פון רייד, און זיי האָבן פאַרכאַפּטע זיך צוגעהערט.

נאָך די צעפּיצלטע רעפּלעקטיווע דערמאָנונגען האָט הערבערט מיר דערלאַנגט די משפחה־מתנה: אַ גרויסער דינער קאַרטאָן־קאָנווערט. איך האָב אַרויסגעצויגן צוויי

שוואַרצע טאָוולען, זיי געעפנט און דערשטוינט אָנגעקוקט די זעקס מענטשן אַרום, האַלטנדיק אין די הענט אַן עקזעמפּלאַר פון לאָנדאָנער "טיימס", פּונקט מיט 95 יאָר צוריק, און אויפן טאָוול מיט גאָלדענע אותיות: A DAY TO REMEMBER און אינעווייניק אַ פּרעזענטאַציע־ווידמונג צו מיר. אַזאַ היסטאָריש ווערטפולער צייט־דאָקומענט פון טאָג מיט 95 יאָר צוריק, ווען איך בין אַרויפגעקומען אויפן פּלאַנעט ערד, אין דער מיאוס־משוגענער ציוויליזאַציע פון דעם 20סטן י"ה. און שפּעטער האָב איך זיך באַקענט מיט מלחמות, רעוואָלוציעס און – דעם נאַצי־טייוול. אָנהייב. סוף. און אין מיטן – 95 קרייזן אַרום דער זון. ווער קען אויסרעכענען אַזאַ מהלך!

שוין געווען אַ שפּעטע שעה אין דער נאַכט, ווען הערבערט האָט מיך אַהיים גענומען. איך בין געווען פאַרמאַטערט און אויסגעשעפּט פון לאַנגן טאָג און פון אַזוי פיל רייד, ווי אַן אויסגעטריקנטער ברונעם. דאָך האָט ער נאָך אַלץ געפּרוווט, ווי זיין געוווינהייט, אַרויסרופן מיין שמייכל און ער האָט איבערגעחזרט די ווערטער: ס'איז אַ טאָג צו געדענקען. צו לעצט האָט ער נאָך אינספּעקטירט די טירן, פענצטער. צופרידן אַז כ'בלייב אין אַ זיכער־פאַרהאַקטער היים, איז ער אַוועק. איך בין געזעסן אויפן קאַנט פון מיין בעט און אין אויסגעליידיקטן מוח האָט געראַלט אַן אָנגעשיכורטע פאַנטאַזיע־מאַשין. אָבער ווי נאָר כ'האָב אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפן קישן און פאַרמאַכט די אויגן, האָט זיך געעפנט אַ כישופדיקע וועלט. אַלץ האָט געשוועבט אין דער לופטן. לייכט. ליכטיק. איך בין געשטאַנען אַנטקעגן דער אָפענער טיר פון אונדזער קראָם, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. "איך בין שוין מיד. כ'וועל גיין אַהיים", זאָג איך און וויל שטעלן אַ טריט. נאָר אונטן און אַרום איז אַ פּוסטקייט. און די קראָם הענגט כמעט אונטערן הימל. "קום אַריין. היינט איז דאָך דיין טאָג. איך האָב פאַר דיר אַ מתנה – פאַרבעט מיר אַ באַקאַנט קול פון גאָר־גאָר אַ מאָל. ווען האָב איך ס'קול צום לעצטן מאָל געהערט?"... יע, יע, ס'איז געווען דייטשלאַנד – דאַנציק – שטוטהאָף... און איך ווער פחדימדיק־פריידיק אויפגעציטערט, ווי בעת יענעם אייביק־לעצטן קוש, וואָס האָט איר אַוועקגענומען. אויף די ליפּן פיל איך איר הייליקן נאָמען, ווי מיין ייִנגלשע ריינקייט וואָס כ'האָב אין פרומער שטילקייט אויפגעהיט. איך בין שוין אין קראָם פון הימלישן אוניווערס. איך בעט זיך: "ווייז זיך כאָטש פאַר אַ בליצל סעקונדע". די פּוסטקייט ענטפערט: "דאָ זעט קיינער קיינעם ניט מער..." אַ קאָלירק פלאַטערל שטעלט זיך מיר אויפן שטערן און איך הער: "דאָס איז מיין מתנה. פּראָדוצירט אין הימלישן וואַרשטאַט פון דיין מלאך־השירה. ס'איז אַן אַטאָמיש קייקעלע, וואָס אין אים איז דיין פול לעבן אַריינגעפּרעסט, אַלע 95 אָרביטן. האָרך!" אין ווייניקער ווי אַ סעקונדע האָט דורכגעשטראָמט מיין לעבן פון געבוירן ביז אָט דער רגע, איך בין געווען פאַרגאַפט: אַזאַ כישוף! פון די אויגן האָבן מיר געקאַפּעט טרערן. איך האָב צוויי טרערעלעך אויפגעכאַפּט אין די דלאָניעס און געריידט צום פלאַטערל: "דאָס באַצאָל איך פאַר דער אומוועלטישער מתנה. אָבער אַנטפּלעק מיר דעם סוד, פאַר וואָס קומט מיר אַזאַ נאָכוועלטיקע זכיה? איך לעב דאָך – – " דאָס פלאַטערל האָט אַ דריי געטאָן ס'קייקעלע און אויפגעלעבט אַ מילדע ווינטערנאַכט, 1925. אַ חנוכה־אָוונט אין מועדון. אין אונדזערע יונגע הערצער ריטעמט געזאַנג. טאַנץ. די פענצטער אָפן. די לופט איז וואַרעם און די לייבער צעהיצט פון צעברויזטן הוירא־געדריי. מען טוט אויס און מע פאַרוואַרפט מיט די ווינטער־בגדים די פאַרחלומטע בת־מלכה אין ווינקל. און אַלע טוען זיך אַ לאָז צום פאַרפרוירענעם טייך, אונטן. איך גראָב זיך אַריין אונטערן בגדים־בערגל און אונדזערע פאַרבענקטע אָטעמס מישן זיך אויס.

←

שרה טרייסטער מאָסקאָוויטש

# ליכט

ווינטער, שפּעט נאָכמיטאָג
ס'איז שוין פֿינצטער
ביים קיך־טיש שטיי איך פֿאַרגאַפֿט
און זע ווי מיין שיינער טאַטע שפּילט
מיט שוועבל און העל אָראַנזשע ליכטעלעך
ווי קליינע פֿאַרוויקלטע זונען
ער שמעלצט זיי אָן פֿון אונטן און
שטעלט זיי אויס אויף מאַמעס ווייסער טאַץ
מיט בלוי אַרומגערינגלט

ער זינגט אַ יידיש ליד וואָס זיין טאַטע
האָט ביים ליכט־בענטשן געזונגען
און נעמט פֿון קעסטל נאָך אַ ליכטעלע
רייבט אָן אַ הילצערן שוועבלע
אין גיט דעם ליכט אַ פֿלאַמען־קרוין
די אַנדערע אָנצוצינדן
"שמש", זאָגט ער מיר, "זאָג שמש"
איך זאָג עס היפּנאָטיזירט פֿון ליכט

דאַן הייבט ער אויף די טאַץ מיט ליכט
און פֿאַנגט אָן ריטמיש גיין
איך גיי אים נאָך אין טאַקט
פֿאַר יעדן טריט זיינעם נעם איך צוויי
איך גיי אים נאָך אַרויס פֿון וואַרעמער קיך
אַריין אין לאַנגן פֿינצטערן קאָרידאָר
ווו געוויינטלעך האָב איך מורא
איצט נישט, איך זינג מיט אים
איך גיי אים נאָך, אין קאַלטע, פֿינצטערע צימערן
מיט פֿראָסט אויף פֿענצטער
ער מאַכט זיי העל מיט פֿריידגעזאַנג און ליכט

ער איז שוין לאַנג אַוועק
און איך גיי נאָך...

---

די דינע בלוזקע איז שוין אָפֿן און מיינע הענט גלעטן איר זיידן האָניק־זיסן לייב, אירע צאַרטע־שטייפֿע בריסט. זי איז גוט, נאָכגעביק, און מיר פֿלאַקערן אין אַ בלוטשטורעם – און פּלוצעם ווערט אין מיר אַלץ פֿאַרשטילט און איך דערפֿיל די הייליקייט פֿון איר אומשולד, פֿון אונדזער יונגשאַפֿט. ניין. פֿאַרשוועך זי ניט, די הייליקייט - און כ'דערפֿיל זיך אַזוי גליקלעך, דערהייבן, ווי איך וואָלט אָפּגעראַטעוועט אַ לעבן. און דאָס פֿלאַטערל טוט מיר אַ פֿלי פֿון שטערן און איך הער: "אָט דאָס איז דער זכות פֿון דיין לעבן". כ'ליג מיט אָפֿענע אויגן אין אָרביט 96....

# קום צו מיר

קום צו מיר מיין ליבער פריינד
און לאָמיר רעדן פון פרייליכע זאַכן
מירן זיצן ביי מיר אין קיך, טרינקען טיי
איך וויל מיר זאָלן צוזאַמען לאַכן

עס רוישט אין קאָפּ די טעלעוויזיע
מיט באָמבעס אויפרייס טאָג און נאַכט
טעראָר פאַרפינצטערט די וועגן
עס פאַלן יונגע מענטשן אין שלאַכט

טאָ לאָמיר רעדן פון פרילינג־פּראַכט
וואָס איז ערשט לעצטע וואָך אָנגעקומען
און אָפּגעפאַרבט גרינע בערג רונד אַרום
מיט גאָלד און פורפורענע בלומען

לאָמיר רעדן פון שוואַנען אויף אָזערעס בלויע
ווו פרישע ווינטעלעך ברומען
לאָמיר באַוווּנדערן דעם בוים אויפגעבליט
וואָס זאָגט צו אַז קאַרשן קומען

לאָמיר געדענקען אונזער אייגענעם בלי
ווען געלעקט האָבן מיר זיס זאַפטיק לעבן
געקושט ניי געבוירענע הענטלעך און פיס
געשווענגערט מיט האָפנונג און שטרעבן

לאָמיר לאַכן פון אונזער נאַרישקייט
ווי מיר זענען זיכער געווען מירן בלייבן
יונג, קלוג און שטאַרק אויף אייביק
מיר האָבן זיך קיין מאָל ניט פאַרגעשטעלט
די צימערן עלנט און ליידיק

טאָ קום צו מיר מיין ליבער פריינד
און לאָמיר רעדן פון פרייליכע זאַכן
מירן זיצן ביי מיר אין קיך, טרינקען טיי
איך וויל מיר זאָלן צוזאַמען לאַכן

# אימיגראַנטן־פּלאַץ

דער שלאָפצימער אין ברוקלין
מיט קיך פּריווילעגיע
אָפּגעדונגען פון טאַנטע חיהלען
איז געווען אויפן פינפטן שטאָק
מיט אויסבליק אויף מיילן ציגל־ווענט
פון אַנדערע דירות מיט פייער־טרעפּ
און הענגענדיקע וועש

זייער צימער, טונקל און קליין
האָט געשמוכט מיט ריח פון מילבן־סם
וואָס טראָגט זיך פון אַלמער
הינטער אַ געבלומטער פאָרהאַנג.
דער איבערדעק פון בעט איז ריין
מיט פאַלש געלאַטעכץ, די פאַרבן
אָפּגעבליאַקעוועט פון יאָרן וואַשן

אַפילו מיט דער טיר פאַרמאַכט
האָבן מיינע עלטערן געהערט דעם רעש
אין קיך, די צורות, אַמפּערניש, דורכווערטלען זיך
פון טאַנטע, אָנקל און פיר שטיפערישע קינדער

מיין טאַטע האָט אַרויפגעשוווּנגען
דעם צעממיתדיקן טשעמאָדאַן אויפן בעט
אָפּגעבונדן דעם שטריק וואָס האָט עס פעסט געהאַלטן
צוזאַמען האָבן זיי אַרויסגענומען איר אַנדער קליידל
אַ געשטריקטן שאַל, אַ פרעגל־פאַן און אַ קליין פענדעלע
און צווישן אָפּגעטראָגענע מענער־העמדער
דאָס תהילימל ווו סאיז געווען פאַרשטעקט אַ בילד
פון זיינע פאַרלאָזטע עלטערן, מיט בייזע פנימער

אַלץ האָט מען געהאַט פאַרוויקלט פאַרזיכטיק
מיט האָפנונג אַוועקגעריסן און באַשיצט
קעגן בראָך פון זייער לעבן אין פוילן

צו אָט דעם צימער בין איך געקומען
פון בית ישראל שפּיטאָל
אָנצופאַנגען מיין לעבן
מיט אַ פּאָר טעג נאָך דעם
ווי ניקאָלאַ סאַקאָ און באַרטאָלאָמעאָ וואַנזעטי
זענען עלעקטרירט געוואָרן
אויגוסט, דעם 23סטן 1927.

משה וואָלף

# הונדערט יאָר פון דעם פּאָגראָם אין האָמעל (ווייסרוסלאַנד)

## א

"שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותנו"
(ווייל אין יעדן דור שטייען אויף שונאים
וועלכע ווילן אונדז אויסהרגענען)

פון דער הגדה

יידישע פּאָגראָמען - אָנפאַלן פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג אויף יידן, כדי זיי הרגענען, פאַרגוואַלטיקן זייערע פרויען און טעכטער, צערויבן זייער גוטס און פאַרברענען זייערע הייזער - האָבן באַגלייט דאָס יידישע פאָלק במשך פון זיין גאַנץ גלות-לעבן. דער ערשטער פּאָגראָם איז פאָרגעקומען אין אַלעקסאַנדריע אין 38-סטן יאָר. פון דעמאָלט אָן איז נישט געווען קיין איין דור, וואָס זאָל נישט איבערלעבן יידישע פּאָגראָמען. באַזונדערס אָפט האָבן זיי זיך צעפלאַקערט אין דעם צאַרישן רוסלאַנד. דערפאַר איז דאָס רוסישע וואָרט "פּאָגראָם" אַריין אין אייראָפּעיִשע שפּראַכן.

ווייסרוסלאַנד איז געווען אַ באַשטאַנדטייל פון דעם רוסישן תחום המושב. אין וועלכן די יידן האָבן ניט געהאַט קיין בירגער-רעכט. זייער לעבנס-ניוואָ איז געווען זייער אַ נידעריקער. דעם תוך פון דער צאַרישער פּאָליטיק בנוגע די יידן האָט אויסגעדריקט דער אויבער-פּראָקוראָר פונעם סינאָד, פּאָביעדאָנאָסצעוו: "איין דריטל פון זיי וועט אויסשטאַרבן, נאָך אַ דריטל וועט עמיגרירן, און די איבערגעבליבענע וועלן זיך פאַרלירן צווישן דער רוסישער באַפעלקערונג".

די פּאָליטישע און יורידישע אומרעכט האָט געשטויסן די יידן אין די רעוואָליוציאָנערע רייען. די יוגנטלעכע, וועלכע האָבן געוואָלט קעמפן פאַר יושר און גלייכבאַרעכטיקונג האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צו די אומלעגאַלע פּאָליטישע פּאַרטייען. פאָרשטייער פון מינסק, וויטעבסק און האָמעל האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין גרינדן די ערשטע יידישע מאַסן-פּאַרטיי דעם "בונד". אין סוף 1901 איז אין מינסק פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער "פּועלי-ציון"-פּאַרטיי. דאָ האָט זיך אויך געפונען איינער פון די צענטערס פון דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (רסדפּ), די צאַרישע רעגירונג, אַ באַאומרויקטע פון דעם וווּקס פון די רעוואָליוציאָנערע רייען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, האָט אויסגענוצט קעגן איר דעם אויסגעפּרוווטן מיטל - זי האָט אָרגאַניזירט אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען פון די שוואַרץ-מאַהדיקע מאַסן. דער רוסישער אינערן-מיניסטער פּלעווע האָט דערקלערט: "אַ כוואַליע פון אַנטי-יידישע פּאָגראָמען וועט זייער גיך אָפּהאַלטן די יידן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג".

די ערשטע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד זענען פאָרגעקומען אין 1821, 1859, 1871 אין אָדעס; אין 1862 - אין אַקערמאַן (בעלגאָראָד). ווי ס'איז באַוווּסט האָט מיט אַ באַזונדערער אַכזריותדיקייט זיך אויסגעצייכנט דער פּאָגראָם אין קעשענעוו און אין דעם נאָענטסטן ביי-שטעטל דובאָסאַרע (6-7 אַפּריל 1903). ער איז אויסגעבראָכן אין רעזולטאַט פון אַ בלוט-בילבול און אָנרייצנדיקע אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען אין דער צייטונג "בעסאַראַביעץ" (אונטער דער רעדאַקציע פונעם געפערלעכן שונא-ישראל קרושעוואַן). בעת דעם פּאָגראָם זענען 49 יידן געהרגעט און 587 פאַרוווּנדעט געוואָרן. 1500 הייזער זענען חרוב געוואָרן. (וועגן דעם דאָזיקן פּאָגראָם האָט חיים נחמן ביאַליק בשעתו אָנגעשריבן זיין באַוווּסטע פּאָעמע "בעיר ההריגה" (אין דער שחיטה-שטאָט). אין

1991 איז אין יידיש און אין 2003 אין רוסיש. דערשינען וועגן דעם קעשענעווער פּאָגראָם באָריס סאַנדלערס דאָקומענטאַלער ראָמאַן "ליים און גוף"[1]

דער פּאָגראָם האָט אויפגערודערט די פּראָגרעסיווע געזעלשאַפט אין גאַנץ רוסלאַנד, און קודם כל - פון דער יידישער קהילה.

אין דער זעלבער צייט האָט דער רוסישער אימפּעראַטאָר, ניקאָליי דער צווייטער, אין זיין בריוו צו זיין מוטער געשריבן: "דאָס רוסישע פאָלק איז אויפגעבראַכט געוואָרן פון דער עזות, וואָס עס האָבן אַרויסגעוויזן די רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטן, און וויל ניינציק פּראָצענט פון זיי זענען זשידעס, האָט דער בייזער צאָרן פונעם פאָלק זיך אויסגעגאָסן אויף זיי".

## ב.

"די יידישע גאַס ביז קעשענעוו און די יידישע גאַס נאָך קעשענעוו - איז נישט די זעלבע. דער קעשענעווער בזיון איז געווען דער לעצטער בזיון. נאָך אים איז געווען האָמעל. דער יידישער טרויער האָט זיך איבערגעחזרט נאָך מער אומרחמנותדיק. אָבער דער בזיון האָט זיך מער ניט איבערגעחזרט"

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי" (פון רוסיש - מ..וו.)

אין דעם זעלבן 1903 יאָר, מיט עטלעכע חודשים שפּעטער, דעם 29 אויגוסט, האָט זיך אָנגעהויבן און ביז דעם ערשטן סעפּטעמבער האָט זיך געצויגן דער פּאָגראָם אין דער שטאָט האָמעל, וווּ עס האָבן געלעבט 20,000 יידן - מער ווי אַ העלפט פון דער גאַנצער שטאָט-באַפעלקערונג. אַזוי ווי אין קעשענעוו, האָט דעם פּאָגראָם אין האָמעל אָרגאַניזירט די צאַרישע "אָכראַנקע" (אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג. פון דער פּאָליציי), וועלכע האָט מיט אַלע מיטלען אונטערגעהעצט די אַנטיסעמיטישע שטימונגען פון די קריסטלעכע איינוווינער פון דער שטאָט און פון די אַרומיקע דערפער. אומעטום זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אונטערהעצנדיקע פלוג-בלעטלעך, וואָס האָבן גערופן זיך "נוקם זיין אין די יידן". אַ גרויסער המון פון עטלעכע הונדערט שיכורע צעיושעטע לומפּן האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו די יידישע קוואַרטאַלן און הייזער. אָבער דער פּאָגראָם האָט זיך פאַר דער האָמעלער יידישער באַפעלקערונג אָנגעהויבן ניט אומגעריכט... דער אָרטיקער "בונד"-קאָמיטעט און די פּועלי-ציון אָרגאַניזאַציע האָבן אַ סך געלערנט פון דעם קעשענעווער פּאָגראָם, אין וועלכן די מאַכט-אָרגאַנען האָבן ניט נאָר באַמיט זיך צו באַשיצן די יידן, נאָר פאַרקערט, זיי האָבן אַקטיוו געהאָלפן די מחבלים. די בונדיסטן און די פּועלי-ציון מיטגלידער האָבן באַשלאָסן אָרגאַניזירן באַוואָפנטע אייגנשוץ-בריגאַדעס, וועלכע האָבן געדאַרפט זיין מסוגל אין פאַל פון אַ פּאָגראָם באַשיצן דאָס לעבן און די ווירדע פון דער יידישער קהילה. אויף זייער קול קורא האָבן זיך אָפּגערופן הונדערטער יונגע מענטשן. מיט גרויסע שוועריקייטן האָט זיך איינגעגעבן דעראָבערן עטלעכע רעוואָלווערן. די מערהייט איז געווען באַוואָפנט מיט קאַלט געווער און אַפילו נאָר מיט שטעקנס.

דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן דעם 29 אויגוסט אין שטאָטישן מאַרק. אַ גרופּע פויערן איז אָנגעפאַלן אויף יידישע קלייטניקעס און אָנגעהויבן זיי שלאָגן און רויבן זייערע סחורות. די ידיעה פון דעם דאָזיקן אינצידענט האָט זיך זייער גיך צעשפּרייט איבער דער שטאָט. די מיטגלידער פון דער אייגנשוץ האָבן מאָמענטאַל זיך אַוועקגעלאָזט אויפן מאַרק און מיט כוח צעטריבן די רוצחים. אין גיכן, אָבער, האָבן זיי זיך אומגעקערט

1) זע, מיין עסיי אין "טאָפּלפּונקט" נומ' 6, ז' 109, ירושלים, 2003

אין אַ גרעסערער צאָל. די צוואַמענשטויסן זענען געוואָרן אַלץ גרעסער און שאַרפער און אין צוויי טעג אַרום זענען זיי איבערגעוואַקסן אין אַן עכטן פּאָגראָם. אַ ביז גאָר גרויסער המון שיכורע, צעווילדעוועטע מערדערס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צו די יידישע קוואַרטאַלן. זיי האָבן אָנגעהויבן שלאָגן די יידן, רויבן זייערע הייזער און ראַבעווען דאָס גוטס. אָבער די אייגנשוץ־בריגאַדעס, בראש מיט יחזקאל כאַנינען, האָבן אויך דאָס מאָל ניט פאַרשפּעטיקט. זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַ ווירקזאַמען ווידערשטאַנד, פון וועלכן די מערדערס זענען זיך צעלאָפן. די יידישע יונגעלייט האָבן זיך נישט דערשראָקן פון דעם פאַקט, וואָס די פּאָגראָמשטשיקעס האָט באַשיצט נישט נאָר די פּאָליציי, נאָר אויך באַוואָפנטע אַרמיי־לייט. נאָר אַ דאַנק דער גבורה און אַנטשיידענעם ווידערשטאַנד, וואָס עס האָבן אַרויסגעוויזן די יידישע יונגעלייט, האָט זיך דער פּאָגראָם פאַרענדיקט אין דעם זעלבן טאָג. אויך קרבנות זענען געווען ווייניקער ווי אין קעשענעוו – עס זענען דערהרגעט געוואָרן צען און פאַרוונדעט געוואָרן 160 יידן, 250 הייזער און קלייטן זענען חרוב געוואָרן. הונדערטער מענטשן זענען פאַרבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אָן לעבנס־מיטלען. אין די צוואַמענשטויסן זענען דערהרגעט געוואָרן 7 קריסטלעכע מחבלים און אַ סך פון זיי זענען פאַרוונדעט געוואָרן.

דער, צום ערשטן מאָל אָרגאַניזירטער אין האָמעל באַוואָפנטער ווידערשטאַנד, האָט באַוויזן, אַז דאָס יידישע לעבן איז נישט הפקר־פּעטרעשקע, און אַז די פּאָגראָמשטשיקעס וועלן מוזן צאָלן פאַר יעדן אָנפאַל אויף יידן אַ הויכן פּרייז. די געשעענישן בעת דעם פּאָגראָם האָבן אויך דעמאָנסטרירט, אַז די יידישע יוגנט איז מסוגל און מוז מיט אירע אייגענע כוחות מאַכן אַ סוף צו די ווילדע מעשים פון די אַנטיסעמיטן.

דער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד פון די האָמעלער יידן האָט אַרויסגערופן אַ בייזן גרימצאָרן פון דער רוסישער רעגירונג און פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אין פעטערבורג: "ווי האָבן דאָס יידן געוואַגט זיך קעגן שטעלן און מיט געווער באַשיצן זייער לעבן"? אין דער יידישער אייגנשוץ האָט די צאַרישע רעגירונג איינגעזען דעם "אָנהייב פון אומגעזעצלעכקייט און פון אַ בירגער־מלחמה". זי האָט באַשלאָסן אָנשרעקן און אויסראָטן ביז צום שורש די אייגנשוץ. צוזאַמען מיט עטלעכע באַנדיטן האָבן די מאַכט־אָרגאַנען אַרעסטירט 36 יידישע יונגעלייט.

ס'איז פאַרפירט געוואָרן אַ געריכט־ענין, נאָר אויף דעם סמך, אַז די יידישע יוגנט האָט אַרויסגעוויזן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד דער פּאָליציי בעת דעם פּאָגראָם. דער דאָזיקער שענדלעכער געריכט איז אויפגעבויט געוואָרן אויף פנימיותדיקע און געפעלשטע אויספאָרשונגס מאַטעריאַלן, לויט וועלכע ס'האָט זיך באַקומען, אַז אין דעם פּאָגראָם זענען שולדיק די יידן גופא. – "דאָס זענען זיי די ערשטע אָנגעפאַלן אויף די פּראַוואָסלאַוונע פויערן דעם 29־סטן אויגוסט און האָבן געמאַכט אַ "רוסישן פּאָגראָם".

צום באַדויערן, אויך אין אונדזערע טעג געפינען זיך שרייבערס און פּובליציסטן, ווי למשל אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצין, וועלכע קריכן פון דער הויט אַרויס, צו באַרעכטיקן די אַכזרישע מעשים פון די פּאָגראָמשטשיקעס. אין זיין בוך "צוויי הונדערט יאָר צוזאַמען" באַמיט זיך סאָלזשעניצין באַווייזן, אַז אין האָמעל זענען שולדיק געוועןביידע צדדים. די יידן האָבן געשלאָגן די קריסטן, און די קריסטן האָבן צוריקגעשלאָגן די יידן. דאָרט – שרייבט ער – איז ניט געגאַנגען די רייד פון "אייגנשוץ". דאָרט האָבן די יידן גענומען נקמה פאַר דעם פּאָגראָם אין קעשענעוו. "אַזוי האָט די רשעות, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן אין איין אָרט, זיך אַריבערגעטראָגן אין אַ צווייט אָרט – און אויף

לחלוטין אומשולדיקע מענטשן". אַזוי אַרום, צוגלייך מיט דער באַרעכטיקונג פון דער צאַרישער מאַכט, פאַרקריפּלט סאָלזשעניצין, בזדון, דעם תוך פונעם פּאָגראָם אין האָמעל און שטעלט אַוועק אין איין ריי די מערדערס מיט די קרבנות. אָבער די פעלשונג פון די פאַקטן איז געווען אויף אַזוי פיל באַשיינפּערלעך, אַז צום סוף זענען 15 פון די יידישע באַשולדיקטע ריינגעוואַשן געוואָרן, און די אַנדערע זענען פאַרמישפּט געוואָרן אויף ביז גאָר קליינע שטראָף-טערמינען.

דער מוט און די גבורה פון דער יידישער האָמעלער יוגנט, וואָס האָט אַזוי דרייסט פאַרטיידיקט איר נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע ווירדע, האָבן באַקומען אַ מעכטיקן אָפּרוף אין גאַנץ ווייסרוסלאַנד און אַריבער אירע גרענעצן. אייגנשוץ-בריגאַדעס האָבן זיך אָנגעהויבן פאָרמירן אין גראָדנע, וויטעבסק, באָברויסק, מינסק, בריסק, מיר און אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך.

וועלנדיק זיך ראַטעווען פון פּאָגראָמען, נגישות און דערנידערונגען, האָבן פיל ווייסרוסישע יידן באַשלאָסן צו עמיגרירן - זיך אומקערן צו דעם פּאָטערלאַנד פון אונדזערע אור-אבות. די עליה "ב" האָבן געעפנט אין דעצעמבער 1903, פערצן אָנטיילנעמער פון דער מאָהילעווער אייגנשוץ-בריגאַדע, וועלכע זענען ריינגעוואַשן געוואָרן בעת דעם גערירכט. אין ישראל האָבן זיי באַשיצט די ישובים פון די אַראַבישע באַנדעס, וועלכע פלעגן טעראָריזירן די יידישע באַפעלקערונג. אין אַפּריל 1909 האָבן די האָמעלער געגרינדעט אין ארץ ישראל די ערשטע באַוואָפנטע אָרגאַניזאַציע "השומר", מיט וועלכער ס'האָט אָנגעפירט אַן אכצן-יאָריקער בחור, ישראל שוחט, אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער פון דער גראָדנער אייגנשוץ-בריגאַדע. די "השומר"-אָרגאַניזאַציע איז שפּעטער געוואָרן דער פונדאַמענט פון דער "הגנה" - דער אונטערערדישער באַוואָפנטער אייגנשוץ-אָרגאַניזאַציע, און די יונגע בחורים פון האָמעל זענען געווען צווישן אירע ערשטע קעמפער.

---

(סוף פון ז' 25)

אַז פּיעטקע איז צוריקגעקומען פון קריג, האָב איך שוין ווידער געוווינט אין דעם אַלגעמיינעם באַראַק פאַר פריילײדיקע.

ווען ער האָט געהערט וועגן קוואַרטיראַנט, האָט ער דערפילט אַ באַדערפעניש אים אָפּצודאַנקען. מיר האָבן געטרונקען אַ לחיים און פאַרבליבן פריינד ביזן טאָג, ווען דער לאָקאָמאָטיוו האָט געטאָן אַ פייף, און מיר, פּליטים, זענען אָפּגעפאָרן צום ווייטן האָריזאָנט פון אונדזער בענקשאַפט: אַ היים."

עוועלין האָט אויספאַריכט אַלע פעלערן; געמאַכט די באַמערקונגען, וואָס אַ לערערין איז מחויב צו מאַכן, מיט אַ רויטן בלייפעדער.

פאַר אירע אויגן איז געשטאַנען שיפרין: די באַזילבערטע האָר, די שוואַרצע האָרן-ברילן. זי האָט אים געוואָלט זען ווי אַ יונגן בחור, צוזאַמען מיט נאַטאַשאַן אין דער פריילינג-נאַכט ערגעץ וווּ הינטער די אוראַלער בערג.

- ווען איך בין נאַטאַשאַ, ווי וואָלט איך זיך באַנומען?

אויף אַ רגע האָט זי זיך פאַרטראַכט: אויף דער פראַגע האָט זי ניט געקאָנט ענטפערן, אָבער אַ טיפע, אינערלעכע סימפּאַטיע האָט זי פאַרט פאַר איר געהאַט, און זי איז אַפילו גרייט געווען איר צו פאַרענטפערן....

## לייב באַראָוויק / ניו־יאָרק

# ווי לאַנג ס׳בלויט דער הימל

מיט מאַמישער זאָרג האָסט, מיין שענסטע,
באַגלייט מיך אויף פוילישער ערד.
פאַרוויט האָט דער ווינט יעדן שפור פון
געביין דיינעם, טייערינקע.
ס׳האָט קדיש געשטומט יעדער שטיינדל
אין בירקענאַו־תחום פרומערהייט
ווען ס׳האָבן די רוצחים, די טמאים
פאַרלענדט דיך, מיין בעסטע, מיין פרייד.
ווען שקיעה פאַלט צו איך טו הערן
אַזוי ווי אין וואָר דיינע רייד:
„אָ, חבר מיין, איך בין פאַרשפילט שוין.
וואָס ט׳ווערן פון דיר דאָ אָן מיר?
כ׳וועל דאָרט אין די ווייט־ווייטע ספערן
מתפלל זיין, ליבסטער, פאַר דיר.״
מיט פאַרבט און מיט דאַנקשאַפט
איך הייליק
דיר, בראַווע בת־טובים, דעם שיר.
עס שוועבט דיין מאַרטירער
געשטאַלט פאַר
מיין אויג ווו איך טו זיך אַ ריר,
אַז דו ביסט ווו צייט האָט קיין שליטה,
זי׳קיין תקומה פאַר איר דאָ ניטאָ.
מיין צער איז אַ וווּנד אַ צעגליטע,
מיין בענקשאַפט־וויי - טיף ווי אַ תהום.
ס׳טרעפט, זיין כ׳וואָלט אַ זעמדל, אַ גרעזל
אַבי ניט קיין בשר־ודם.

אַ פרעמדער, אַ זייטיקער כ׳בלאָנקע
דאָ אום. ס׳טוט מיך קיינער פאַרשטיין.
אַיעטווידער גליד און מיר יאָמערט
און קלאָגט אויף דיין קרבן־פאַרגיין.
עס האָט מיך דיין גוטסקייט
באַשירעמט.
אָן גבול ז׳דיין געטריישאַפט געווען.
ביי נאַכט אין מיין חלום כ׳פאַרנעם,
זאָגסט:
כ׳באַגלייט דיך, מיין פריינד, אומגעזען.
ס׳דערמאָנט אַלץ אַרום אַז ס׳וועט
קיין מאָל
ניט רוען אויף מיר שוין דיין בליק.
ס׳וויסט יעטווידער מלאך
ווי ס׳ציט מיך
צו דיר, מיין באַשערטע, מיין גליק.
עס דאַכט זיך מיר רק, וועסט
נאָך קומען
און זיין דאָ מיט מיר ווי אַ מאָל.
„געדענק, ניט געטיילט האָסט
איר גורל.״
רופט אָפט מאָל צו מיר אַזאַ קול.
עס ציטערט נאָך אַלץ אין די הייכן
דיין „ראַטעוועט״־רוף, דיין געוויין.
זאָל לייכטן אָן אויפהער דיין זכר
ווי לאַנג ס׳בלויט דער הימל.אמן.

**מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים**
בעטן מיר אַלעמען זיך ווענדן צו אונדזער פאַרוואַלטער:
JACOB LEWIN
6365 Orange St. • LA, Ca 90048
Telephone: 310 820-2976

אהרן שפּירא / קרית ביאַליק

# יוסף טונקל - "דער טונקעלער"

יוסף טונקל, וועלכער איז געווען באַקאַנט ביי יידן צווישןביידע וועלט-מלחמות אונטערן פּסעוודאָנים "דער טונקעלער", איז געווען אַ יידישער שרייבער וועמענס שאַפן איז געווען כל-כולו הומאָר און סאַטירע. זיינע הומאָרעסקעס, פעליעטאָנען און שאַרזשן האָבן אַרויסגערופן האַרציק געלעכטער און פרייד ביי יעדן, וואָס פלעגט זיי לייענען אין דער פּרעסע, אין בוך, און אויך זען געשטעלט אין יידישע טעאַטערס.

דעם טונקעלערס הומאָר אונטערשיידט זיך פון שלום-עליכמס, דערמיט, וואָס שלום-עליכמס קאָמישע געשטאַלטן זענען פאָלקסטימלעכע פּשוטע יידישע טיפּן, וואָס האָבן געלעבט אין 19-טן יאָהונדערט, אין תחום-המושב, אונטער די פינצטערע צאַרישע דעספּאָטן. דער טונקעלער, וועלכער האָט געלעבט אין דער אויפבלי-תקופה פון דער יידישער שפּראַך און קולטור; ווען אויף דער יידישער גאַס האָט זיך שוין געהאַט פונאַנדערגעוואַקסן אַ פאַרצווייגטע יידישע ליטעראַטור, ס'האָבן שוין עקזיסטירט יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס פלעגן פאַרשפּרייטן סאָציאַלע און הומאַניסטישע אידעען צווישן די פאָלקס-מאַסן, האָט זיינע סאַרקאַסטישע פיילן געצילט צו די אַדרעסן פון שרייבערס, קולטור - און כלל-טוערס, צו פּאָליטישע-פּאַרטייען, צו מאָראַל-פּריידיקערס, און... אויך צו זיך אַליין.

ווען מיר אָקאָרשט הערן ווי דער טונקעלער לאַכט פון זיך אַליין:

"איך בין געבוירן געוואָרן אין ענדע פון 19-טן יאָרהונדערט ביי אַ פּאָרפאָלק ניט קיין גיטבאַזיצערס. ניט קוקנדיק אויף מיין קינסטלערישן באַרוף, זענען דאָך מיינע עלטערן געווען גאַנץ אָנשטענדיקע מענטשן. פון מיין פאָטער-מוטער האָב איך גערירשנט זייערע אייגנשאַפטן. פון מיין מוטער האָב איך גערירשנט די אויבערשטע העלפט, און פון אונט ביז אַראָפּ - דעם גאַנצן פאָטער.

ווען כ'בין געבוירן געוואָרן, בין איך נאָך ניט געווען קיין דריי יאָר אַלט. אַליין, אָן קיינעמס הילף, בין איך געוואַקסן ביז 6 יאָר. אין אַ יאָר אַרום, נאָך דעם 6-טן יאָר, איז מיר געוואָרן פונקט 7 יאָר. דעמאָלט האָט מען מיך אָפּגעגעבן אין חדר צו לוי-יצחק עשרה-הדבריא.

"ווען כ'בין אונטערגעוואַקסן - דערציילט ווייטער יוסף טונקל - האָב איך געמאָלט מענטשעלעך, הייזלעך, פערדלעך און נאָך אַזעלכע זאַכן. מיינע חברים-יינגלעך זענען געווען נתפעל, אָבער ביי די גרויסע בין איך ניט געווען פּאָפּולער.

איין מאָל האָב איך אויסגעמאָלט אַ גרויסע "קאַרטינע": אַ טערק רייט אויף אַ פערד און האַלט אַ "שאַבלע". דאָס בילד האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם, און גלייכצייטיק אַרויסגערופן גרויסע חלוקי-דעות. זלמן-איטשע דער לערער פון 'טשיסטאָפּיסאַניע" פון אונדזער תלמוד-תורה, וועלכער האָט באַטראַכט דאָס בילד דורכן פּויסט, האָט אויסגערופן, אַז דאָס בילד, כאָטש עס קוקט אויס ווי לעבעדיק, איז דאָך ניט פּראַווילנע, מחמת דער טערק האָט איין אויג, איין אויער און איין פוס. אַזוי אויך דאָס פערד...

האָב איך צוגעמאָלט דעם טערק, און להבדיל צום פערד, נאָך אַן אויג, נאָך אַ פוס און נאָך אַן אויער, און אַלע האָבן דאַן באַשטימט פּה-אחד, אַז איך האָב אַ גרויסע "תשוקה" צו כודאָזשעסטוועס". און ווען איך זאָל די דאָזיקע תשוקה "ראַזוויוואַיען" קען איך אַרויסוואַקסן אַ גרויסער "כודאָשניק".

אין באָברויסק, ווו יוסף טונקל איז געבוירן געוואָרן, האָט אין יענע יאָרן עקזיסטירט

אַ משכּילישער קרייז, וואָס האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט טונקלס מאָלערישער פעיקייט און האָט באַשלאָסן אים צו שיקן קיין ווילנע לערנען מאָלעריי. היות, ווי קיין געלט אויף הוצאות האָט דער קרייז ניט געהאַט, האָט מען איינגעאָרדנט פאַר אים אַ וואָלטעטיקן אָוונט, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין קאַסע 5 רובל, און מיט דעם געלט איז ער אַוועק קיין ווילנע און איז אָנגעקומען אַלס שילער אין דער דאָרטיקער "ריסאָוואַלנע אוטשילישטשע". דאָרט האָט ער געלערנט די קונסט פון מאָלן, וועלכע ער האָט פאַרענדיקט מיט הצלחה.

ביי דער זייט פון לערנען מאָלער־קונסט האָט יוסף טונקל גענומען פאַרברענגען מיט חברים פון דער שולע אין משכּילישע קרייזן. דורך זיי האָט ער זיך באַקענט מיטן לעבן פון דער באַוווסטזיניקער יוגנט, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אָרגאַניזאַציעס ווו מען האָט פאַרשפּרייט די וויזיע פון דער מאָדערנער יידישער קולטור.

די שול־חברים האָבן אים אָנגעהויבן מיטצונעמען אויף פאַרשיידענע פאָרלעזונגען און דיסקוסיעס און, ווי ער שרייבט, איז דאָס לעבן געווען זאַפטיק, רוישיק, האָפערדיק און ניט־לאַנגווייליק. אין קורצן האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט דער קאָמישער "דבורהס־אַקאַדעמיע".

דבורה פרענקל איז געווען אַ טאָכטער פון אַ קאָוונער רייכן מאַנופאַקטור־סוחר. ווען זי איז אויפגעוואַקסן, האָט זי ניט געוואָלט מער לעבן אויפן אומזיסטן ברויט פון אירע רייכע עלטערן און האָט באַשלאָסן זיך אויסלערנען אַ מלאכה כדי צו זיין זעלבשטענדיק און לעבן ווי אַ האָרעפּאַשנע אַרבעטאָרין. זי האָט בשתיקה זיך אויסגעלערנט שניידעריי, האָט פאַרלאָזט קאָוונע מיט איר טאַטנס הויז, איבערגעלאָזט איר רייכן נדן מיט אַלע גליקלעכע שידוכים, וואָס מען האָט איר גערעדט, און איז אַוועק קיין ווילנע. זי האָט ניט גענומען פון טאַטן אַפילו קיין שנירל. בלויז די ביבליאָטעק אירע האָט זי גענומען מיט זיך. אין ווילנע האָט זי געדונגען אַ צימער ביי יענעם, אַהין אַריינגעשטעלט אַ ניימאַשין און גענומען אַרבעטן.

דאָס צימער איז ניט געווען גרויס. ס'איז אין דעם קוים געווען פּלאַץ פאַר אַ טישל, אַ פּאָר שטולן, אַ בעט, אַ ניימאַשין און אַ מאַנעקען. קיין ביכערשאַנק איז ניט געווען, האָט זי געהאַלטן אירע ביכער אונטערן בעט. דאָס איז געווען די "ביבליאָטעק".

אין גיכן האָט זי שוין געהאַט גענוג אַרבעט. זי האָט דערוואָרבן אַ גוטע באַקאַנטשאַפט, און איר קליין צימער איז געוואָרן אַ בית־ועד פאַר ישיבה־בחורים, אָרעמע סטודענטן און אַרבעטער, וועלכע פלעגן קומען אַהין צו כאַפּן אַ שמועס, עסן ברויט מיט טיי און אויסבאָרגן אַ ביכל צום לייענען.

דבורה איז שטענדיק געזעסן אַריינגעטאָן אין אַ ביכל מיט אירע קורצזיכטיקע אויגן. פון צייט־צו־צייט האָט זי זיך אָפּגעריסן פון ביכל און זיך צוגעכאַפּט צו דער ניימאַשין. אַז עמעצער פלעגט בעטן אַ בוך, פלעגט זי אים אָפּשיקן אונטערן בעט.

"איר זעט דאָך, אַז איך האָב קיין צייט ניט, קריכט, זייט מוחל, אונטערן בעט און קלייבט אויס וואָס אייך געפעלט".

די "ביבליאָטעק" איז דעריבער געווען אָפּט געפּאַקט. שטענדיק האָט מען געקענט זען פון אונטערן בעט טאָרטשען אַלערליי פיס און כל־המינים הויזן און שיך; גאַנצע, פאַרלאַטעטע, צעדריבלטע, און אַ מאָל אויך אַ קליידל.

מיין חבר זאַלקינד — דערציילט "דער טונקעלער" — האָט מיך אַהין אַריינגעפירט כדי צו מאַכן מיך באַוווסטזיניק. דבורה האָט מיך, אַלס "נאָוויטשאָק", אויפגענומען מיט

גרויס אויפמערקזאַמקייט, אויסגעפרעגט ווער איך בין, פון וואַנען איך קום און פאַרענדיקט:

"אירווילט דאָך, מסתמא, אַ ביכל, טאָ קריכט, זייט מוחל, אונטערן בעט און קלייבט אייך אויס אַ ביכל, וואָס אייך געפעלט."

איך האָב פאַרקאַטשעט די פאָלעס און אַרונטערגעקראָכן אונטערן בעט. תיכף האָט זיך צו מיר אַ קער געטאָן אַ לענגלעך פנים, אַרומגעזוימט מיט בלאָנד-שפּראָצנדע האָר, וואָס האָבן זיך געשניטן אויף אַ יעזוס-בערדל.

אונדזערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, ווי אָפּגערעדט.

– פון וואַנען איז אַ ייד? – האָט דאָס פנים געפרעגט.

– פון באָברויסק. און איר?

– איך בין אַ קאָוונער. געלערנט אין סלאָבאָדקער ישיבה, האָט מען מיך פון דאָרטן אַרויסגעוואָרפן צוליב מיין אפיקורסות.

"און אַזוי ליגנדיק אונטערן בעט האָבן מיר געשלאָסן באַבאַנטשאַפט; געפירט דיסקוסיעס, זיך געאַמפּערט וועגן גאָט, רעליגיע, ליטעראַטור, זיך באַפריינדט און אַרויסגעקראָכן. ער איז געוואָרן מיין נייער לערער. איך געדענק, אַז זיין נאָמען איז געווען בערנשטיין. ער האָט מיך געלערנט אפיקורסות".

* * *

אויפן ראַנד פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז יוסף טונקל געקומען קיין אָדעס ווי אַ קונסט-מאָלער. ער האָט אָבער געמוזט אויפגעבן די אַרבעט צוליב זיין שטאַרק קורצזיכטיקייט. האָט ער זיך גענומען צום שרייבן לידער אין יידיש. די דעמאָלטדיקע פּרעסע און פּעריאָדישע שריפטן האָבן געעפנט פאַר אים זייערע שפּאַלטן און געדרוקט זיין שאַפן.

אין יאָר 1906 איז יוסף טונקל געפאָרן קיין אַמעריקע און האָט דאָרט געלעבט ביז 1909. אין ניו-יאָרק האָט ער אין אָנהויב געאַרבעט אַלס גראַווירער. אויך דאָרט האָט זיך איבערגעחזרט די פּראָבלעם מיט זיין קורצזיכטיקער ראיה; די דאָקטוירים האָבן אים געראָטן איבערצורייסן די אַרבעט. דעמאָלט האָט ער, צוזאַמען מיט די שרייבערס ידידיה מרגלית און יעקב אַדלער, באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ צייטשריפט פאַר הומאָר און סאַטירע מיטן נאָמען "די יונגע". אין דער צייטשריפט איז טונקל צום ערשטן מאָל דערשינען מיט הומאָריסטישע פּאַראָדיעס.

אין יאָר 1909 איז יוסף טונקל צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד ווו ער איז געוואָרן פּאָפּולער מיט זיינע הומאָרעסקעס און פּאַראָדיעס. ער האָט אָפּט געטוישט זיין אונטערשריפט. ביסלעכווייז איז ער אַרויס מיטן פּסעוודאָנים "דער טונקעלער" און מיט דעם נאָמען איז ער פאַרבליבן דאָס גאַנצע לעבן. דער נאָמען "דער טונקעלער" האָט, לויט אים, סימבאָליזירט די שווערע לאַסט, וואָס פלעגט אויף אים ליגן, זייענדיק געצוווּנגען צו שרייבן טאָג-טעגלעך הומאָרעסקעס פאַר דער פּרעסע פון וועלכער ער האָט געצויגן זיין פּרנסה, אַפילו דעמאָלט ווען ס'איז אים געווען טרויעריק אויפן האַרץ. איינע פון זיינע שאַרזש-לידער ווידמעט ער דעם גורל פון הומאָריסט:

ווען איר זעט אים ווי ער זיצט אַזוי אין טרויער\
און צערייצט;\
און קראַצט זיך יעדע רגע אונטערן אויער,\
עצבותדיק און זויער,\
ווי ער וואָלט חלילה, שבעה יעצט געזעסן,

און זיין פנים, ווי ער וואַלט אין מיטן דרינען
אַנדערטהאַלבן טוץ ציטרינען אויפגעגעסן, -
מיינט נישט, אַז ער איז, חלילה, נישט בקו־הבריאות גראַדע,
און דער לעבער טוט אים ווײ אַוודאי;
אָדער ער איז גאָר אַן אשה און ער גייט אַצינד / צו קינד. -
ניין! דאָס זיצט ער איצט! פאַרביטערט און פאַרשוויצט
און ס'וואַרפט אים ווי פון קעלט, אין היץ...
שאַ! ... ער שאַפט אַ וויץ!

אפרים קאַגאַנאָווסקי אין זיין בוך נאָוועלן, "יידישע שרייבער אין דער היים", באַשרייבט אַ גאַלעריע שרייבערס און דיכטערס, וואָס האָבן געלעבט און געשאַפן אין דער ערשטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, מיט לייכטן הומאָר און אָפט מאָל מיט בייסיקן סאַרקאַזם. קאַגאַנאָווסקי פלעגט פאַרברענגען אין ליטעראַרישע קרייזן און אויפכאַפּן, מיט זיין שאַרף אויג און אויער, מענטשלעכע שוואַכקייטן ביי קינדטלער מיט וועמען ער פלעגט זיך אָפט טרעפן און עס דערציילן אין זיינע נאָוועלן.

איין אַזאַ מעשה, דערציילט אפרים קאַגאַנאָווסקי, איז זיך פאַרלאָפן מיט יוסף טונקל ביי דוד פרישמאַנען אין שטוב.

דאָס איז געווען בערך אין יאָר 1917.

דוד פרישמאַן, וועלכער האָט אַ סך יאָרן געלעבט אין דייטשלאַנד, האָט גערעדט אַ "דייטשמערישן יידיש", יוסף טונקל, אַן אָפּשטאַמיקער פון באָברויסק, האָט גערעדט אַ ליטווישן יידיש און אפרים קאַגאַנאָווסקי - אַ וואַרשעווער יידישן. אין יענעם יאָר האָבן אַלע דריי געלעבט אין אָדעס.

אפרים קאַגאַנאָווסקי איז געווען אַן איינגייער ביי פרישמאַנען אין סובלאָקאַטאָרן־שטוב ווו ער האָט געוווינט ביי אַן עלטערער פרוי, אַן אלמנה. פרישמאַן, וועלכער איז דעמאָלט געווען אַלט, קראַנק און עלנט, האָט אין זיין מצב נישט פאַרלוירן דעם חוש פאַר הומאָר און סאַרקאַזם. ער איז געווען אַן אינטעלעקטואַל און אַ ייד אַ חכם. ביים רעדן מיט מענטשן פעלגט ער שיטן מיט אַנעקדאָטן און וויצן. דערביי, פלעגט ער ליב האָבן זיך צו ווילצן אויף יענעמס חשבון און האָט געהאַט הנאה ווען יענער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם וויץ און פלעגט אַריינפאַלן אין כעס.

איין מאָל, האָט דוד פרישמאַן געזוכט אַ פאַרטנער צו שפּילן אַ פאַרטיע שאַך, און געזאָגט צו קאַגאַנאָווסקין:

"אפשר וויסן זי וועמען פון די לויטע... צי שפּילט ווער אין שאַך?"

און מיט אַ מאָל האָט פרישמאַן ווי אויפגעלעבט.

"אַך, דיזער שפּילט דאָך יאָ, דאַכט זיך... דיזער, וויסן זי... נו, דער, וואָס איז בלינד אויף די פיס און הינקט אויף די אויגן..."

ס'איז נישט שווער געווען זיך אָנצושטויסן וועמען פרישמאַן מיינט.

- איר מיינט... דעם טונקעלן...

"יאַ, יאַ... דער טונקעלער."

אויפן צווייטן טאָג, ווען איך האָב געטראָפן דעם טונקעלן, האָב איך אים איבערגעגעבן דעם אופן, ווי אַזוי דוד פרישמאַן האָט אים אייגנעלאַדן צו קומען שפּילן אין שאַך.

דער טונקעלער, וועלכער איז ווירקלעך געווען שטאַרק, קורצזיכטיק און דערביי געהונקען אויף אַ פוס, האָט האַרציק געלאַכט פון פרישמאַנס באַצייכענען, אַז ער

"הינקט אויף די אויגן און איז בלינד אויף אַ פוס", ווייל יוסף טונקל האָט געהאַט צו פיל שכל און געפיל פאַר הומאָר, ער זאָל זיך דערויף באַליידיקן.

- גוט... האָט ער געזאָגט - איך וועל קומען.

"אין אַ פּאָר טעג שפּעטער - דערציילט וויטער קאַגאַנאָווסקי - בין איך ווידער געזעסן ביי פרישמאַנען.

מיט אַ מאָל האָט זיך געעפנט די טיר און עס האָט זיך פאַר אַלעמען אַריינגעשטעלט אין צימער אַ קורצער, דיקער שטעקן. באַלד נאָך אים האָט זיך באַוויזן אַ ברייטער פוס אָנגעטאָן אין אַ קאַלאָש, און באַלד דערנאָך, נאָך אַ האַלבער פוס, און אין דער טיר איז שטיין געבליבן די ברייטע, קרעפּטיקע פיגור פונעם שרייבער יוסף טונקל.

ווי אַלע קורצזיכטיקע האָט ער, פאַר אַלעם, אַראָפּגעכאַפּט זיינע גראָבעברילן און זיי גענומען פוצן מיט אַ טיכל. נישט קענענדיק זיך אָבער האַלטן אויף זיין קורצן פוס, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט און דערביי אַראָפּגעוואָרפן דער באַלעבאָסטעס אַ בילד. אויסגעווישט די ברילן, האָט ער גענומען אויסטאָן די קאַלאָשן. אָמפּערנדיק זיך מיטן קורצן פוס, האָט ער איבערגעקערט דאָס שפּייקעסטל, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר און אַ שטראָם וואַסער האָט גענומען קריכן אין מיטן צימער אַריין."

* * *

דעם טונקעלערס פּאַראַדיעס, שאַרזשן און הומאָרעסקעס האָבן אַרומגענומען אַלע צווייגן פון יידישן לעבן. ער האָט געשריבן פּאַראָדיעס אויפן שאַפן פון די קאָריפייען פון דער יידישער ליטעראַטור און קונסט. אין זיין הומאָר האָט ער אַריינגעפלאָכטן לייכטע קריטיק אויף די "לעפל-לייט" פון פּאָליטישע פּאַרטייען; אויף גבאים, מלמדים, שיינע-יידן און אויך אויף "עמך-שער און אייזן". זיין אויסלאַכן איז אָבער נישט געווען קיין בייזער, ער האָט נישט געשטאָכן ביז בלוט. ער האָט זיינע פּאַראָדיעס באַצייכנס אַלס פריינטלעכע.

זיך אַליין האָט טונקעלער שטענדיק אַריינגענומען אין דער גאַלעריע פון די אויסגעלאַכטע. ער האָט אויסגעלאַכט זיינע אייגענע שוואַכקייטן און זיינע פיזישע פעלערן.

אין זיין שאַרזש-אויטאָביאָגראַפיע שרייבט ער וועגן זיך:

"...אין מאַנכע ליטעראַרישע קרייזן הערט מען זאָגן: 'היינע און דער טונקעלער', נאָר דאָס איז אַ טעות. היינען טאָר מען בשום אופן נישט פאַרגלייכן מיטן טונקעלער, וואָרום היינע איז בעצם אַ טאַלאַנטלאָזיקייט, אָבער צו פאַרמאַסקירן זיין טאַלאַנטלאָזיקייט, האָט ער געשאַפן אַזעלכע הויך-פּאָעטישע גייסטרייכע ווערק, כדי מיר זאָלן מיינען, אַז ער איז גייסטרייך און געניאַל. דער טונקעלער מאַסקירט זיך נישט. דאָס וואָס ער האָט - האָט ער".

"דער טונקעלער - וואָלט בראַנדעס געשריבן אין זיין גייסטרייכער אָפּהאַנדלונג - איז דער גאון, וואָס פאַראייניקט אין זיך אַלע וועלט-גאונים צוזאַמענגענומען. ער שרייבט מיט טינט און פעדער, ווי י.ל.פּרץ, איז דיכטער, ווי ד"ר גאָטליב, דענקער ווי טאַראַס בולבאַ, רויכערט ציגאַרן ווי פּראָפ. ערליך, טראָגט ברילן ווי בערנאַרד שאָו, ראַזירט זיך ווי נאַפּאָלעאָן און שפּילט שאַך ווי לי-כונג-טשאַנג."

דער טונקעלער איז געווען דער פּאָפּולערסטער, דער צוממיינסטן געלייענטער און צוממיינסטן געהערטער הומאָריסט אין פּוילן פון צווישן ביידע וועלט-מלחמות. זיינע הומאָרעסקעס, פּעליעטאָנען, פּאַראָדיעס און שאַרזשן האָבן געטראָגן פריידיק געלעכטער, אומעטום, וווּ מען האָט געהערט אַ יידישן אַקטיאָר אויף דער בינע דעקלאַמירן טונקעלערן.

יאָרן האָט ער געשריבן פעליעטאָנען און הומאָרעסקעס אין דער וואַרשעווער רייכער טאָג־צייטונג "דער מאָמענט". וועכנטלעך זענען דערשינען פאָרזעצונגען פון זיין שאַרזש־ראָמאַן "חיים־יאַנקל דער האָניק קוועטשער", וואָס איז געווען אַ בייסיקע קריטיק אין דער פאָרעם פון אַ סאַרקאַסטישער פּאַראָדיע אויף די דעמאָלטדיקע שונד־ראָמאַנען; "די בלוטיקע נקבה", און "אין נעץ פון זינד", וואָס האָבן זיך געדרוקט אין המשכים אין יידישע צייטונגען. ער האָט אין זיין חוזק־ראָמאַן אויפגעשטעלט טיפּן פון מלמדים, וואָס ווערן פאַרוואָרפן קיין סטאַמבול אַלס טוריסטן פון סולטאַנס האַרעם; געהיים־אַגענטן, וואָס טראָגן היטלעך מיט אויפשריפטן "געהיים־אַגענט".

ברוך שעפּענער, דער געוועזענער פעליעטאָניסט און מיט־רעדאַקטאָר פון דער פאַרמלחמהדיקער בונדישער "פאָלקסצייטונג", שרייבט אין זיינס אַן עסיי וועגן טונקעלערן:

"זעלטן ווער עס ווייסט, אַז יוסף טונקל האָט אין משך פון יאָרן מיטגעאַרבעט אין דער וואַרשעווער בונדישער "פאָלקס־צייטונג" אונטערן פּען־נאָמען "אַנדרוגינוס". ער האָט געשריבן אַ סעריע פּרעכטיקע פעליעטאָנען און הומאָרעסקעס אויף געזעלשאַפטלעכע טעמעס אָן איין גראָשן האָנאָראַר. דאָס איז געווען אַ געוואַגטקייט פון אים, ווייל אויב זיין צייטונג "דער מאָמענט" וואָלט זיך וועגן דעם דערוווּסט, וואָלט עס אים געקענט טייער קאַסטן". יוסף טונקל פלעגט אויך, נישט זעלטן, איבערגעבן געלט, דורך ברוך שעפּנערן, פאַר נויטווענדיקע קאָלעגן, שרייבער. ביים געבן דאָס געלט פלעגט ער זאָגן, אַז ער טוט דאָס "כדי צו פאַרדעקן זיין גרויסע קאַרגשאַפט..."

אין בוך מיטן נאָמען "גלות", וואָס יוסף טונקל האָט געשריבן אין אַמעריקע באַלד נאָך הער מלחמה, האָט ער מיט הומאָר דורך טרערן (אַזאַ הומאָר איז אויך פאַראַן ביי יידן) באַשריבן זיין גלות־וועג, ווו ער – אַ קראַנקער און צעבראָכענער, איינער אַליין, אָפּגעריסן פון זיין פרוי און משפחה, האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבער פראַנצויזישע שטעט, וואָס זענען געווען באַהערשט דורך דער "ווישי־רעגירונג", ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו קומען קיין אַמעריקע. ליגנדיק איין מאָל אין אַ שטאַל, אין אַ פאַרוואָרפן פראַנצויזיש דאָרף, איינגעטונקען אין ביטערע מחשבות, האָט ער געטראַכט וועגן זיינע נאָענטע, וואָס זענען פאַרבליבן אין פּוילן און וועגן די פּוילישע יידן, – זיינע געשווירענע פריינד־אָפּנעמער און פריינד־געבער.

צוליב אַ טעות אין דער חתימה דרוקן מיר איבער די באַגריסונג, וואָס איז געווען פאַרפּעטלעכט אין פאָריקן נומער "חשבון".

**חשובע פריינט!**

**דער יידישער קולטור־קאָנגרעס, די "צוקונפט" און דער ציקאָ־פאַרלאַג באַגריסן האַרציק דעם יידישן קולטור־קלוב, דעם זשורנאַל "חשבון" און ספּעציעל דעם רעדאַקטאָר משה שקליאַר צו זיין באַקומען די פּרעמיע א"נ פון דוד האָפשטיין.**

**מיר האָפן אַז איר וועט קאָנטינוירן אייער וויכטיקע אַרבעט פאַר אַ סך יאָרן.**

**מיט וואַרעמע גרוסן,**

**יאָני פיין – קאָ־פּרעז.**

**ד"ר בערל זומאָף –קאָ־פּרעז.**

מרים קאַראַל

## און אויב ס׳וואָלט פריער

און אויב ס׳וואָלט פריער דער אָפּרוף געקומען
אָדער דער געדאַנק מיט זיין חוצפּה געבוירן געוואָרן
אין אַ שפּעלטל וואָס וואָלט צייטס שטאָמל געקענט פאַרנעמען
ביז זי וואָלט איבערגעגעבן איר צונג

אָדער אויב ס׳וואָלט דער אָפּרוף ווידער שפּעטער געקומען
אין די צאַרטע, לויזע פאַלדן פון דער נאַכט
דאָס שווערע מענדל פון שיכל באַפרייען
פון זיין קורץ־זעענדיקן ווייבלעכן אויג

וואָלט דער זומער ביים עראָפּאָרט אונדז באַגעגנט
מיט אָרעמס אַנטבלויזטע שמעקנדיק פון זון
אונדזערע העלדזער מיט קלינגענדיקע קווייטן אָ גלעט געגעבן
אויף קרוינבלעטלעך די קולות אויסגעשיט

פאַרזילבערט ווי צדקה צווישן אונדז.

## צווישן אונדז אַ וועלט

צווישן אונדז ציען זיך קייטן בערג ווי דעם הימלס רוקנביינער
און געוואַלדיקע שטעט ווייס פון רויך און רעש
זענען באַגאָסן מיט מענטשן ווי טינט אויף פּאַפּיר

אונטער ריזיקע כוואַליעס, ים־גראָז וועלדער טאַנצן
צערטלען וואַלפישן אויסגעשפּילטע
און געבן פּחדנותדיקע ראַקעס אַן אָרט זיך צו באַהאַלטן

צווישן אונדז אוראַלטע ביימער שטייען, אויסגעשפּרייטע
וואָרצלען באַדעקטע, מיט כישוף־מאַכערס שוועמען
וואָס טאָרן קיין פּרימאָרגן־זון ניט פאַרזוכן

צווישן אונדז אויף הויכע מדברס בלומען נאָך אַ רעגן צעבליען זיך
און פּורפּורן צעפּינטלען אין הייס־גאָלדענעם זאַמד
יעדער טריט אַ סימן וואָס קען בלייבן אייביק אָדער ווערן נעלם גיך

ווי ווערטער צווישן געליבטע
ווי אַ האַנט אויף יענעמס לייב

לאַנקעס מיט אויגן־שמייכלען ווי פינקלענדיקע פליגן
זענען אין דער פינצטער אויסגעבעט צווישן אונדז
און יאָרן־זומפּן ווערן מער געדיכט ווו מען זעט זיך ניט

פון בלינדע טאָלן שפּראָצן אַרויס געלעגנהייטן אויף ס׳ניי
און ווערן פאַרפרוירן ווו עס בלאָזט דער צפון ווינט
איבער מאַסן אייז־שווייגעריי

צווישן אונדז עפּעס, דאַכט, זיך, פון יענער וועלט צוואַנקט
אַן אַלוועלט ווו מלאכימלעך באַשליסן דעם פּייסאַזש
און וואָס מען חלומט און וואָס מען טראַכט פאַרקלענערט
אָדער שאַפט אַ מהלך־רב.

10/03

לידיאַ פּראָלאָוו

# פֿון מײַנע שטעטל-געשיכטעס
## מלכהלעס טענות

מלכהלע, אַזוי האָט מען דאָס מיידל פֿאַרצויגן נאָך פֿאַר דער מלחמה און אַזוי רופֿן זי אַלע ביז היינטיקן טאָג. אַ ביסל פֿאַר ליבשאַפֿט און אַ ביסל דערפֿאַר, וואָס זי איז פֿון די נידעריקע און דאַרינקע פֿאַרשוין. אָן 18-יאָריקע איז זי אַוועק אויפֿן פֿראָנט, זיך אומגעקערט, געוואָרן נאָך דאַרער און נידעריקער. די גרויסע שוואַרצע אויגן פֿלעגן שוין דורכנעמען די בחרים, כאָטש מלכהלע איז געווען פֿון די קליינע. נאָר איצט זענען שוין די שוואַרצע קאַרשן אירע, איצט, ביים אומקערן זיך פֿונעם פֿראָנט און ווערן עלנט ווי אַ שטיין, ביים אַלגעמיינעם קבר, זענען שוין אירע צוויי שיינע אויגן ווי פֿאַרחולמטע. אויפֿן אָרט פֿונעם אַמאָליקן הייסן פֿונק, שטעקט אין זיי אַזאַ טרויער, אַז דאָס האַץ פֿלאַצט אַריינקוקנדיק אין זיי.

דאָ אין דעם טיפֿן גרוב, ליגט פֿאַרשאָטן מלכהלעס טאַטע, וועלוול צירולניק, און איר 15-יאָריק ברודערל - אברהמעלע.

מיט שטילע טריט, אַ בלייכע, דערנענטערט זי זיך צו דעם באַרג. לאָזט זיך פֿאַמעלעך אַראָפּ. לייגט זיך אַרוף אויף דעם מיט איר גאַנצן קערפּער, ווי וועלנדיק אים אַרומכאַפּן, און צעשפּרייט אירע יונגע שוואַכע ציטערנדיקע הענט. זי געוואַלדעוועט נישט ווי אַנדערע פֿרויען. מ'זעט נישט זי זאָל באַזונדערס וויינען. מ'הערט זי בלויז טענהן. זי שמועסט זיך דורך מיטן טאַטן, ווי גליך ער שטייט נעבן איר אַ לעבעדיקער. דערמאָנט אים אין די גליקלעכע טעג, ווען די גאַנצע משפּחה האָט געלעבט צוזאַמען. פֿרעגט זיך אָן ביי אים פֿאַרוואָס קומט איר אַזאַ שווער לעבן. קלאָגט זיך פֿאַר אים הלמאי איז זי פֿאַרבליבן איין אַליין, עלנט ווי אַ שטיין. דערמאָנט אים אין דער ליבער מאַמען אירער, אין איר עלטער שוועסטערל און אין אַלע איבעריקע. פֿרעגט זיך אָן ביים טאַטן, וואָס זי זאָל טאָן ווייטער. בעט דעם טאַטן ער זאָל זי וואָס גיכער צונעמען צו זיך. זי קען נישט לעבן אַליין, אָן אים, אָן דעם ליבן ברודערל, אָן דער טייערער מאַמען. די אַלע ווערטער זאָגט זי אַרויס שטיל. קוים וואָס ס'הערן די וואָס געפֿינען זיך נעבן איר. מערסטנס רעדט זי אין זיך. שעהנווייז קען זי ליגן איבערן קבר און אַלץ עפּעס שעפּטשען. אָבער פֿאַרן פֿאַרלאָזן דעם קבר, ביים געזעגענען זיך אויף אַ גאַנץ יאָר מיט די אייגענע, צעגייט זי זיך שוין אויף אַ קול. טענהט שוין מיט אַ געוויין.

ער שטייט מיר פֿאַר די אויגן, דער טאַטע אירער, וועלוול. אַ שטילער ייד, נישט ליב געהאַט קיין סך צוריידן, נאָר האָט ער שוין יאָ עפּעס געזאָגט, האָט יעדער וואָרט זיינס געהאַט וואָג. זיינס אַ ווערטל האָט מען איבערגעחזרט, ס'איז געגאַן פֿון מויל צו מויל.

נאָך דער רעוואָליוציע אין רוסלאַנד, ווען מ'האָט געשמועסט, אַז אַלץ, מוז געהערן דעם קאָלעקטיוו, אָנהויבנדיק פֿון אַ קו ביז אַ הינדעלע ביי דער שטוב, און עס זענען אַפֿילו געווען קלאַנגען, אַז די ווייבער וועלן אויך געהערן דעם קאָלעקטיוו, האָט מען געקענט הערן פֿון וועלוולען:

"יידן עסט, עסט וויפֿל ס'וועט אין אייך אַריין, ווייל נאָר דאָס, וואָס איר וועט אַריינלייגן אַהין וועט זיין אייערס" אָדער: "וואָס קען נאָך זיין ביים קאָמוניזם מער פֿאַרגעניגן ביי אַ יידן ווי פֿאַרמאָגן דאָס אייגענע וויב מיטן אייגענעם פּעקעלע שוועבעלעך?"

* * *

וואָס איז שייך וועלוולס ווייב, איז דאָ פֿאַראַן אַ באַזונדערע געשיכטע: פֿון קינדווייז אָן זענעןביידע ייִנגעלעך, וועלוול מיט שלמהן, געווען די נאָענסטע און האַרציקסטע חברים. מ'האָט צוזאַמען געטאָגט און גענעכטיקט. זייערע עלטערן פֿלעגן זאָגן, אַז דאָס דאָזיקע פּאָרל וועט מען אַפֿילו מיט קיין עמער וואַסער אויף קיין רגע נישט צעשיידן. אַזוי איז טאַקע געווען. זיי האָבן זיך לאַנגע יאָרן נישט צעשיידט. געוואַקסן צוזאַמען און אויסגעוואַקסן בחורים אויף חתונה צו האָבן. ביידע האָבן זיי זיך פֿאַרליבט אין איין און דער זעלבער צייט און ביידע אין דעם זעלבן מיידל, אין פֿייגען, איינע פֿון די שענסטע מיידלעך אין שטעטל. פֿייגע איז געווען הויך און שטאָלץ, אַ פּנים בלוט און מילך. ווייס, קלאָר, לויטער. און צו דעם אַלעמען האָט זי נאָך פֿאַרמאָגט אַ פּאָר גרויסע אויגן, ווי צוויי שטיקער בלויער הימל. פֿון אירע צוויי לאַנגע בלאָנדע צעפּ איז שוין אָפּגערעט. אַלע מיידלעך אין שטעטל זענען זי מקנא געווען מיט די זילבערנע האָר אירע.

אַ לאַנג שטיקל צייט זענען די צוויי חברים אַריינגעגאַנגען צו פֿייגען אין שטוב אַריין. ווער האָט נישט געוווּסט אין שטעטל, אַז יעדער פֿון די צוויי האַלטן נאָר פֿאַסאָן. ווי מ'זאָגט: "אַ קניפּ אין באַק די פֿאַרב זאָל שטיין". אין דער אמתן האָבן ביידע מיט גרימעניש געוואַרט אויף דעם טאָג ווען פֿייגע וועט מעלדן אויף וועמען פֿון זיי זי האָט זיך אָפּגעשטעלט.

דאָס שטעטל האָט געקאָכט, ווען אין איינעם אַ טאָג רופֿט זיך אָן פֿייגע, אַז זי איז איינגעליבט אין וועלוולען. דערפֿאַר האָט שוין וועלוול, אויף זיינע אייגענע הוצאות אָפּגעקלאַפּט אַ חתונה. מענטשן האָבן געזאָגט, אַז זיי געדענקען שוין לאַנג נישט אַזעלעכעס. צוויי מעת לעת דורכאַנאַנד האָט מען געטאַנצט אויף טיש און אויף בענק.

קיין צווייטע פֿייגע האָט שלמה פֿאַר זיך נישט געפֿונען און איז פֿאַרבליבן אַן אַלטער בחור אויף אַלע זיינע יאָרן. מיט וועלוולען איז ער פֿאַרבליבן דער פֿריערדיקער חבר און דער נאָענסטער פֿריינד פֿון זיין שטוב. מ'האָט אין שטעטל אָנגעקוועלט קוקנדיק ווי שיין עס פֿירן זיך אַרום אַלע דריי; וועלוול, פֿייגע און שלמה. ווי גלייך שלמה איז פֿייגעס אַן אייגענער ברודער און וועלוולס אַ באַליבטער, געטרייער שוואָגער.

ווען פֿייגע האָט געבוירן איר ערשטלינג, גיטעלען, איז שווער געווען צו זאָגן ווער פֿון די צוויי מאַנסבלען האָט זיך מער געפֿרייט. שלמה האָט דאָס מיידעלע געניאַנטשעט און עס פֿון די הענט נישט אַראָפּגעלאָזט. אַלץ איז געגאַנגען שיין און פֿיין. האָט אָבער מיט דער צייט וועלוול דערפֿילט ווי עפּעס אַ ווערעמל טאָשטעט אים אונטערן לעפֿעלע. ער האָט נישט איין מאָל באַמערקט, אַז ווי נאָר שלמה טרעט איבער די שוועל פֿון זיין שטוב, צינדט זיך אָן אין פֿייגעס אויגן עפּעס אַ ניי פֿייערל און ס'ווערט פֿאַרלאָשן ווען שלמה גייט אַוועק.

"פֿייגעלע - רופֿט זיך אָן וועלוול צו איר אין איינעם אַ ווינטער־טאָג - געלט פֿאַרמאָגן מיר, דאַנקען גאָט, אפשר זאָל איך אַ פּאָר טאָג אין דער גרויסער שטאָט אַריין איינקויפֿן אַ ביסל סחורה. דו דאַרפֿסט אַ שיינעם מאַנטל און איך וויל אַ גוטן קאָסטיום. דאָ ביי אונדזער מאַנופֿאַקטוריסט איז שווער אויסצוקלייבן עפּעס רעכטס. ער ברענגט דאָך אָן סחורה מער פֿאַר די דאָרפֿישע לייט ווי פֿאַר די שטעטלשע".

"פֿאָר" - האָט כמעט אויסגעשריגן פֿייגעלע מיט אַ פֿרייד.

באַשטעלט אַ שליטן, איז וועלוול אַוועק צו דער סטאַנציע, וואָס געפֿינט זיך ווייטלעך אַרום דעם שטעטל. דאָרט איז ער איבערגעזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט און

זיך אומגעקערט אַהיים. אין שטעטל איז נישט געווען די מאָדע צו פאַרשליסן די טיר אויפן שלאָס. מ'האָט זי גלאַט פאַרוואַרפן אויף אַ קליאַמקע, אַזוי, אַז ווען וועלוול איז אַריין צו פייגען אין שלאָפצימער האָט קיינער נישט געהערט. און ווי דאָס האַרץ האָט וועלוולען אונטערגעזאָגט, האָט ער געטראָפן שלמהן מיט זיין ווייב אין בעט.

וואָס איז אין יענער נאַכט פאָרגעקומען צווישן מאַן און ווייב איז פאַרבליבן אַ סוד פאַרן שטעטל אויף אַלע יאָרן, ווייל וועלוול האָט נישט ליב געהאַט אַרויסצוטראָגן דאָס מיסט פון דער שטוב. אָבער סיי פאַר וועלוולען און סיי פאַר שלמהן איז פאַרבליבן אַ רעטעניש ווי אַזוי האָט אין יענעם קאַלטן ווינטער פאַרטאָג דאָס גאַנצע שטעטל זיך דערוווסט, אַז שלמה איז געלאָפן אין טיפן שניי באַנאַכט באָרוועס, איבער דער גאַנצער שיל-גאַס ביז דער קאַוועליוקע, פון וועלוולס שטוב צו זיך אַהיים בלויז אין איינע ווייסע גאַטקעס.

פון יענער נאַכט אָן איז וועלוול פאַרבליבן קאַלט צו זיין ערשטלינג. אים איז נישט געפעלן הלמאי דאָס מיידעלע איז אַ ווייסינקע, הלמאי האָט זי בלאָנדע הערעלעך און העלע אייגעלעך. ערשט מיט יאָרן שפּעטער, ווען דאָס קינד איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ גאַנצע מויד, ווען וועלוול האָט דערזען אין איר די אויסגעגאָסענע פייגע, ערשט דעמאָלט האָבן זיך זיינע ספקות אַ ביסל צעווייעט. דערפאַר אָבער איז צו אים קיין גלייכן נישט געווען ווען עס זענען געבוירן געוואָרן די צוויי קלענערע – מלכהלע דערנאָך אברהמעלע. ער איז געווען ממש אין זיבעטן הימל ווען ער האָט דערהערט פון עמעצן: "די צוויי קלענערע זענען אַ קאָפּיע פון טאַטן".

* * *

דאָס שטעטל האָט זיך געפונען אין דער געגנט ווו דעם דייטש האָט זיך איינגעגעבן נאָכן אַריינרייסן זיך שנעל אַריינדרינגען אין דער טיף פון לאַנד. ווען דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט צום שטעטל האָבן די יידן גענומען לויפן. מ'איז געלאָפן אַליין נישט וויסנדיק וווהין. מ'איז געלאָפן וווהין די אויגן האָבן געטראָגן. און מ'איז פאַרלאָפן אַנטקעגן דעם דייטש. צום אָנפאַנג האָבן די דייטשן קיין יידן נישט געשטעפעט. מ'האָט בלויז געהייסן די יידן פון שטעטל זיך אומקערן צוריק.

ס'האָט זיך אָנגערוקט אַ שווערער האַרבסט. אויסגעווייקטע פון די רעגנס, ביז איבער די פיס אין די גערדיכטע בלאָטעס, האָט מען זיך געשלעפט צוריק, נישט איין מאָל געגנעכטיקט אונטערן הוילן הימל, אין מיטן שליאַך, אָדער הינטער אַ וועדל. מענטשן זענען געפאַלן ווי פליגן. נישט איין משפחה האָט איבערגעלאָזט עמעצן פון זיך אין וועג.

ביים פאַרלאָזן דאָס שטעטל האָט זיך אַ סך איינגעגעבן קריגן אַ פערד און וועגעלע. וועלוול איז געווען צווישן די מזלדיקע. מיט זיין פערד און וועגעלע איז וועלוול פאַרפאָרן גאָר ווייט, אַזש ביז הינטער דער גרויסער שטאָט, וואָס די דייטשן האָבן שוין באַוויזן פאַרכאַפּן. אומקערנדיק זיך, האָט וועלוול נישט אויפגעהערט דאַנקען גאָט, וואָס אים האָט צוגעשפּילט דאָס מזל און זיין ווייב מיט זיינע קינדער מוזן זיך נישט וואַלגערן אין די נעכט אויף דער קאַלטער נאַסער ערד אין וועג און נישט קנעטן באַטאָג מיט זייערע פיס די גערדיכטע בלאָטעס. ער האָט אויך געבעטן גאָט פאַרן פערדל, ס'זאָל נישט אומפאַלן אין וועג.

וועלוול האָט געפילט, אַז דער קאָפּ צערייסט זיך ביי אים, טראַכטנדיק ווי קריגט מען אַ ביסל האָבער פאַרן פערדל. אין איינעם אַן אָוונט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין אַ דאָרף. "פייגע – האָט ער אַ פרעג געטאָן ביים ווייב – ס'איז נאָך עפעס פאַרבליבן פון

אונדזערע מלבושים אויף אויסצובייטן?"

"ניין" - האָט זי געענטפערט. גיטעלע האָט אַ קוק געטאָן אויפן טאַטנס פאַרצאָרנט פּנים, אַראָפּגענומען פונעם קאָפּ דאָס וואַרעמע וואָלענע שאַלעכל, וואָס דער מאַן האָט איר געקויפט פאַרן אַוועקגיין אויפן פּראָנט, און עס דערלאַנגט דעם טאַטן. "אויף דעם שאַלעכל וועלן זיך געפינען בעלנים - האָט זי אַ זאָג געטאָן.

אברהמעלע האָט גוט געוווּסט וויפל געזונט ס'קאָסט אָפּ דעם טאַטן דאָס אַרומגיין מיט די שמאַטעס ווי אַ בעטלער, פון שטוב צו שטוב, און ער האָט אים אַ בעט געטאָן ער זאָל אים לאָזן גיין מיטן שאַלעכל איבערן דאָרף. "קום מיט מיר" - האָט וועלוול געענטפערט. זיי זענען צוגעגאַן צו דער ערשטער שטוב, וואָס איז געשטאַנען ביים סאַמע שליאַך. דער באַלעבאָס אַ ברייטביינערדיקער געזונטער פּויער אין די מיטעלע יאָרן האָט זיך פונקט דעמאָלט געפונען אין דרויסן. דערזען, אַז צו זיין הויז דערנעענטערן זיך פרעמדע, איז ער זיי געגאַן אַנטקעגן. באַגעגנט זיי ביים אַריינגאַנג האָט ער וואַרעם געענטפערט אויף זייער באַגריסונג. דערקענט אין זיי יידן האָט ער געגומען פאַרוואָרפן זיי מיט פראַגן ווי אַזוי זיי האָבן אָנגעטראָפן אין זיין דאָרף אַריין. אין אַ פּאָר ווערטער האָט אים וועלוול באַוויזן אויסצודערציילן וועגן שווערן וועג וואָס ער מאַכט דורך מיט זיין הויזגעזינד. דערהערט פון וועלוולען, אַז ער וויל אויסבייטן דאָס שאַלעכל, האָט דער באַלעבאָס אַ רוף געטאָן דאָס ווייב פון דער שטוב. "דיר געפעלט דאָס שאַלעכל" - האָט ער זי אַ פרעג געטאָן און איר אויך אין קורצן דערציילט ווי אַזוי עס קומען אַהער די יידן און וואָס זיי ווילן. די גויע האָט באַטראַכט דאָס שאַלעכל פון אַלע זייטן, עס אַרויפגעוואָרפן אויף זיך און געענטפערט, אַז עס געפעלט איר.

"מיטן שאַלעכל וועלן מיר אָקעשט דורכקומען מיט דיר" - האָט דער פּויער געזאָגט צו וועלוולען, אויסדרייענדיק זיין קאָפּ אין דער ריכטונג, ווו עס איז געשטאַנען דאָס פערד און וועגעלע. - דערווייל קום, איך וויל אַ קוק טאָן, וואָס פאַר אַ פערדל דו פאַרמאָגסט".

ער איז צוגעגאַן צום וואָגן, זיך באַקענט מיט די צוויי פרויען, אויף דאָס קינד האָט ער אַ גלעט געטאָן איבערן שוואַרצן קעפּעלע און זיך באַלד פאַרנומען מיטן פערדל. אָפּגעשאַצט עס ווי ס'דאַרף צו זיין, האָט ער זיך אָנגערופן: "ס'איז נישט קיין שלעכט פערדל. ס'איז בלויז אויסגעמאָגערט. אַ פּאָר טעג גוטע שפּייז וועט מען עס נישט דערקענען".

"אַ פּאָר טעג גוטע שפּייז - האָט וועלוול איבערגעחזרט אין זיך דעם פּויערס ווערטער, גיי דערצייל אים, אַז דאָס שאַלעכל איז שוין די לעצטער שמאַטע און איך וויים נישט וואָס פריער צו בעטן פאַר דעם, אַ שטיקל ברויט פאַר די קינדער אָדער האָבער פאַרן פערדל.

ווייזט אויס, אַז די שווערע מחשבות וועלוולס האָבן זיך אָנגעזען אויף זיין פּנים, ווייל ווען דער פּויער האָט פאַרענדיקט באַטראַכטן דאָס פערדל און אַ קוק געטאָן אויף וועלוולען, איז ער צוגעגאַן צו אים, אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף וועלוולס אַקסל און אַ זאָג געטאָן: "נישט געזאָרגט, ברודערל. שפּאַן אויס דיין שקאַפּע, פיר זי אַריין צו מיר אין קאָניושניע, פון דאָרט וועט זי שוין אַרויסגיין אַ בראַווע פערדל". און דאָ האָט ער זיך באַלד געווענדט צו די פרויען, וואָס זענען געשטאַנען נעבן קינד, אָנגעשפּאַרט אין וואָגן: "אייך אַלע פאַרבעט איך צו זיך אין שטוב אַריין אויף ברויט מיט זאַלץ. איר וועט קענען איבערנעכטיקן און זיך אויסרוען פונעם וועג. אויף אַ רגע איז וועלוול פאַרטומלט געוואָרן פון דער נישט דערוואַרטער גוטברודערשאַפט ער האָט נישט באַוויזן עפענען

דאָס מויל עפּעס צו ענטפערן, ווי דאָ האָט זיך אַרויסגעשטעלט פייגע און אָנגערופן צום פויער: "טייערער מיינער, גאָט אַליין וועט דיר אָפּדאַנקען דערפאַר".

ווען וועלוולס גאַנצע כאַליאַסטרע איז שוין געווען אין שטוב האָט דער פויער געהייסן דעם וייב דעקן דעם טיש. "דערלאַנג די וועטשערע - האָט ער געזאָגט. - מ'דאַרף גוט אָנהאָדעווען די דאָזיקע פאַרשוין, זיי זענען פאַרגעוויס טויט הונגעריק.

אָפּגעגעסן, האָט דער באַלעבאָס אַריינגעבראַכט צוויי בינטן פריש שמעקנדיק היי. צעשפרייט עס אין מיטן שטוב און געזאָגט, אַז דאָס געלעגער איז פאַר די צוויי פרויען מיטן קינד. וועלוול מיט אברהמלען זענען אַוועק צום וואָגן און געבראַכט מיט זיך די קישן און קאָלדרעס. די מענער האָט דער באַלעבאָס אַוועקגעפירט אין שייער, וואָס האָט זיך געפונען אַ 20 שפּאַן הינטער דער שטוב ביים סאַמע פּלויט. ער האָט זיי אויך געגעבן אַ פּאָר בינטלעך היי אויף אונטערצושפּרייטן. אברהמל האָט נישט באַוויזן דעם קאָפּ אַוועקצולייגן אויפן קישן, ווי ער האָט תיכף געכאַפּט אַ זאַפטיקן כראָפּ. וועלוול האָט נאָך אַ האַלבע שעה אַרומשפּאַצירט מיטן באַלעבאָס איבערן הויף. יענער האָט זיך אַלץ אינטערעסירט ווו וועלוול האָט באַגעגנט דעם דייטש.

וועלוול האָט שוין לאַנג געטרוימט אַוועקלייגן דעם קאָפּ אויף אַ קישן, אויסשטרעקן די פיס, אויסגלייכן די ביינער און זיך אויסשלאָפן אַ פּאָר שעה, ווי אַ מענטש. נאָר איצט, ווען ער האָט שוין געהאַט אַזאַ מעגלעכקייט. האָט ער נישט געקענט קיין אויג צומאַכן, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס און פאַר ווען.

וועלוול האָט זיך אַלע מאָל אויפגעזעצט. צוגעהערט ווי געשמאַק עס שלאָפט זיין יינגל, אַ טראַכט געטאָן פון די דריי, וואָס שלאָפן ביים גוי אין שטוב. ער האָט דערפילט, אַז עס שרעקט אים עפּעס. ער קען שווערן, אַז ער האָט געהערט ווי דער גוי האָט געטענהט צום ווייב ווען גיין נעכטיקן צו אַ שכן און די פרוי האָט אים געדראָט מיטן פינגער. וועלוול האָט דערפילט אַז ס'גייט אים איבער אַ דראָזש איבערן לייב פון דעם דאָזיקן געדאַנק.

די שווערע מחשבות האָבן אים אויפגעהויבן פונעם געלעגער און אַרויסגעטריבן אין דרויסן. אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך אַרומגעדרייט אַרום דער שטוב. זיך צוגעהערט. צוגעלייגט דאָס אויער צום פאַרהאַנגענעם פענצטער. אין שטוב איז געווען פינצטער און שטיל. ער איז ווידער אַריינגעגאַנגען אין שייער, זיך צוגעלייגט, אָבער דער שלאָף האָט אים נישט גענומען. איז ער נאָך אַ מאָל אַרויס אין דרויסן. זיך נערוועז אַרומגעדרייט איבערן הויף און איז אַרויסגעגאַן צום שליאַך, וואָס האָט זיך געצויגן לענגאויס דעם דאָרף. ער איז געשטאַנען אויפן שליאַך און אין דער פינצטער באַטראַכט דעם אַרום. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'מוז שוין זיין גאָר שפּעט אין דער נאַכט און אפשר וועט זיך שוין אַפילו גיך אָנרוקן דער גרויער פאַרטאָג. "פאַרטאָג איז ביים מענטשן דער געשמאַקסטער און טיפסטער שלאָף = האָט ער אַ טראַכט געטאָן. נישט אומזיסט שלאָפט דאָס דאָרף אַזוי רויק. מ'זעט קיין הינט נישט אויף דער גאָס, כאָטש עס טראָגן זיך שוין פון ערגעץ אָפּהילכסן פון אויפרייסן, און אַ גערויש פון עראָפּלאַנען".

אין יענער שפּעטער נאַכט, אָדער ריכטיקער געזאָגט, אין יענעם פריען פאַרטאָג, האָט אברהמעלע זיך אויפגעכאַפּט און דערזען, אַז דער טאַטע איז נישטאָ אויפן אָרט, איז ער אַרויס אין דרויסן. באַמערקט אים שטיין ביים שליאַך, איז ער צוגעגאַן צום טאַטן.

"איך בין אַזוי געשמאַק געשלאָפן, אַז איך האָב אַפילו נישט געהערט ווען דו ביסט אויפגעשטאַנען. שטייסט שוין לאַנג דאָ?"

וועלוול האָט אים געענטפערט מיט אַ קרעכץ. נישט דערציילט דעם ייִנגל, אַז ער האָט נאָך היינטיקע נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט.

"הערסט, וואָס עס טוט זיך, קינד מיינס - האָט וועלוול זיך אָנגערופן, אָנווייזנדיק אויפֿן געריש פֿון עראָפּלאַנען - דער פֿראָנט דאַרף שוין זיין ערגעץ דאָ נישט ווייט און ס'וואָלט אונדז נישט געשאַט וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן פֿון דאַנען".

"קום וועלן מיר איינשפּאַנען, אויפֿוועקן אונדזערע און זיך לאָזן אין וועג אַריין".

"אַזוי טאָר מען נישט. מיר מוזן דאָך אויפֿוועקן דעם באַלעבאָס. ער קען נאָך ווערן אין כעס וואָס מיר האָבן אים איבערגעשלאָגן דעם בעסטן פֿאַרטאָגיקן שלאָף" - האָט וועלוול געזאָגט און דערביי אַ גלעט געטאָן דעם זון איבערן קאָפּ, ווי איינער רעדט: "פֿאַרט אַ קינד".

ווען אברהמעלע האָט זיך צופֿעליק אַ דריי געטאָן און זיך אויסגעקערעוועט מיטן פּנים צו דער שטוב, האָט ער דערזען דעם באַלעבאָס גיין אין שייער אַריין. ער האָט אַ געשריי געטאָן צום טאַטן מיט פֿרייד:

"טאַטע, דער באַלעבאָס האָט זיך שוין אויפֿגעכאַפּט. טו אַ קוק, אָט גייט ער אונדז שוין וועקן!"

אָבער ווען וועלוול האָט דערזען דעם באַלעבאָס האָט ער זיך נישט נאָך נישט דערפֿרייט, נאָר ס'האָט אים אַ קלעם געטאָן ביים האַרץ.

"וואָס האָט ער צו לויפֿן פֿאַרטאָג אין שייער אַריין? - האָט ער אַ קלער געטאָן מיט שרעק און זיך אָנגערופֿן צום ייִנגל:

"לאָמיר גיין אַ קוק טאָן, וואָס עס האָט אים אַ טראָג געטאָן אין אַזאַ פֿריען פֿאַרטאָג צום שייער?"

זיי האָבן נישט באַוויזן טאָן אַ פּאָר שפּאַן פֿונעם שליאַך, ווי פּלוצלינג, נישט וויסנדיק פֿון וואַנען און ווען, האָט זיך אָנגעטראָגן אַן עראָפּלאַן מיט אַזאַ געריש, אַז ס'האָט פֿאַרלייגט די אויערן. און באַלד נאָך דעם אַ צווייטער. דער צווייטער איז געפֿלויגן כמעט איבער זייערע קעפּ און שטאַרק נידעריק. וועלוול האָט אַ שלעפּ געטאָן אברהמעלען און אים אַ וואַלגער געטאָן. ווען ביידע זענען געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד האָט זיך אַ באָמבע צעריסן נישט ווייט פֿון זיי. ס'האָט געדויערט אַ היפּש שטיקל צייט ביז זיי זענען געקומען צו זיך פֿונעם אויפֿרייס.

צוגעקומען צו דער שטוב, האָבן זיי דערזען דעם באַלעבאָס ליגן איבערגעקערט, האַלב פֿאַרשאָטן אין אַ גריבל, וואָס האָט זיך געשאַפֿן פֿונעם אויפֿרייס. די באָמבע האָט זיך צעריסן אַ פּאָר טריט פֿונעם שייער, ביי דעם באַלעבאָס פּיס.

וועלוול האָט אַ טראַכט געטאָן מיט שרעק: "וואָס וואָלט געווען מיט אברהמעלען ווען ער כאַפּט זיך נישט אויף צו דער צייט? און אַ צווייטער שרעקלעכער געדאַנק איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין: פֿאַרוואָס זעט מען נישט די פּויען? פֿאַרוואָס לויפֿן זיי נישט אַרויס אין דרויסן נאָך אַזאַ אויפֿרייס?" ער האָט זיך געלאָזט צו דער שטוב. ווען ער האָט געעפֿנט די טיר איז ער אַ ווײַלע געבליבן שטיין אויף דער שוועל אַ פֿאַרגליווערטער און באַלד אומגעפֿאַלן אַ פֿאַרחלושטער.

אברהמעלע איז אַריין אין שטוב באַלד נאָכן טאַטן און דערזען אַ שרעקלעך בילד. דער טאַטע - אַן אויסגעצויגענער און אומבאַוועגלעכער אויף דער ערד, די מאַמע, די שוועסטער און דאָס קינד זענען געלעגן אין אַ טייך בלוט מיט איבערגעשניטענע העלדזער. אַ צעמישטער איז ער אַרויסגעשפּרונגען פֿון דער שטוב און גענומען מאַדנע זיך אַרומטראָגן איבערן הויף.

פראָסיע, די באַלעבאָסטע, האָט אין יענער נאַכט גענעכטיקט ביי אַ שכן, וואָס האָט געוווינט קעגן איבער. אָנגעשטויסן זיך, אַז די באָמבע האָט זיך גערדאַפט צערייסן ערגעץ אַרום איר שטוב, איז זי באַלד נאָכן אויפרייס אַוועק אַ היים. איר איז נאָכגעגאַן דעם שכנס גאַנצע משפחה: דאָס ווייב מיט צוויי יונגע טעכטערלעך.

פראָסיע איז שטאַרק צעטומלט געוואָרן דערזעענדיק וואָס די באָמבע האָט געמאַכט פון איר מאַן, נאָר זי האָט געפונען אין זיך מוט צו באַקלערן שנעל אַנדערע זייטן פון דעם געשעענעם: "וואָס האָט איוואַן געהאַט צו טאָן אין שייער אין אַזאַ פריען פאַרטאָג" פאַרוואָס וואַלגערט זיך נישט ווייט פון אים דאָס גרויסע שאַרפע קיך־מעסער? וואָס איז געשען מיטן יינגל, וואָס טראָגט זיך אַרום, ווי איינער וואָס האָט פארלוירן דעם קלאָרן געדאַנק, וואָס זעט מען נישט דעם יידן, וואָס גייען נישט אַרויס די פרויען פון שטוב? מיט אַלע די פראַגן אויף די ליפן האָט זי איבערגעלאָזט דעם טויטן איוואַנען מיטן שכן און איז אַוועק אין שטוב אַריין. פון דאָרט איז זי אַרויס מיט אַ געוואַלד: "גיכער, גיכער, קומט אַהער, זעט וואָס דאָ טוט זיך!"

פראָסיע האָט זיך נישט פאַרלוירן און אַ וואָרף געטאָן מינטערן וועלוולען. צוזאַמען מיטן שכן האָט זי אים אויפגעהויבן פון דער ערד, אַוועקגעלייגט צו זיך אויפן בעט, געגאָסן אויף אים קאַלט וואַסער. אַ פּאָר מאָל האָט וועלוול געעפנט די אויגן און זיי באַלד צוריק צוגעמאַכט. סוף כל סוף איז ער אַ ביסעלע געקומען צו זיך. פון וועלוולען איז פראָסיע אַוועק צום יינגל. זי האָט אים אַרומגענומען, פעסט צוגעדריקט אים צו זיך, געקושט, געגלעט איבערן קאָפּ. זי האָט אים געזאָגט, אַז גאָט אַליין האָט שוין באַשטראָפט איר איוואַנען פאַרן אומגליק וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. זי האָט אויך געזאָגט, אַז אויב ער מיטן טאַטן זענען אַרויס לעבעדיק איז עס אויך אַ גאָטס זאַך, ווייל איוואַן איז דאָך געגאַן אין שייער אַריין קוילען אויך אים און זיין טאַטן. פראָסיעס רייד, אירע האַרציקע ביטערע טרערן האָבן ווי אויפגעוועקט אברמלען פון שלאָף, אָדער אים אומגעקערט פון ערגעץ ווייט, פון אַ צווייטער וועלט. ער האָט נעענטער צוגעטוליט זיין קאָפּ צו פראָסיעס ברוסט און זיך צעוויינט. אַ לאַנג שטיקל צייט האָבן זיך זיינע אַקסל געטרייסלט ווי אין קאָנווולסיע. באַרויקט זיך אַ ביסל, האָט ער געפרעגט פראָסיען צי דער טאַטע לעבט. ווען פראָסיע האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס יינגל האָט זיך שוין אומגעקערט צום קלאָרן געדאַנק, האָט זי געבעטן די צוויי יונגע שכנות זיך פאַרנעמען מיט אים, נישט לאָזן אים גיין אין שטוב אַריין, און אַליין איז זי געגאַן זיך אָנפרעגן ביים שכן ווי צו האַנדלען ווייטער אין אַזאַ לאַגע.

ווי נאָר מ'האָט זיך דערוווסט, וואָס ס'איז געשען ביי איוואַנען האָט זיך תיכף צונויפגענומען אַהין דאָס גאַנצע דאָרף. מ'איז געגאַן פונעם טויטן איוואַן אין שטוב אַריין און פון דער שטוב צו איוואַנען. אין די קעפּ פון עלטערע לייט זענען טיף אַריינגעפאַלן פראָסיעס ווערטער: "גאָט האָט אים געשטראָפט".

אין יענעם אין דער פרי איז שוין באַוווסט געוואָרן, אַז דער דייטש האָט זיך פאַרפעסטיקט איבער דער גאַנצער געגנט, אַז ער באַלעבאַטעוועט שוין אַפילו אין ראַיאָן צענטער און מ'האָט זיך געגרייט, אַז באַלד, באַלד, קען ער זיך אַראָפּיאַווען צו זיי אין דאָרף אַריין. איז אַוועק צווישן עולם אַ גערייד: איינער האָט געזאָגט, אַז די דאָזיקע געשיכטע מיט די אויסגעקוילעטע יידן קען אַפילו אין די אויגן פון די דייטשן אויסזען ווי אַ שוואַרצער פלעק אויפן דאָרף. אַ צווייטער האָט געראָטן פראָסיען: "זאָג דיין יידן ער זאָל פאַרנעמען זיין סחורה און זיך אָפּטראָגן וואָס שנעלער און וואָס ווייטער".

פראָסיעס שכן האָט פאַרנומען צו זיך אַ היים דעם פאָטער מיטן יינגל.

"הער מיך אויס - האָט ער געזאָגט צו וועלוולען - מיר איז באַקאַנט דער וועג צו דיר אין שטעטל אַריין. ס'שטייט דיר נאָך פאַר זייער אַ לאַנגער און שווערער וועג. אויב דו האָסט פאַרטראַכט שלעפן די הרוגים מיט זיך, בין איך דיך נישט מקנא. וועסט פאַרפאַלן ווערן אין וועג צוזאַמען מיטן יינגל. אויב דו האָסט נישט קעגן, וועלן מיר, איך מיט פראָסיען און נאָך אַ פאָר לייט, זיך פאַרנעמען מיט די דאָזיקע זאַכן. מיר זעען דאָך, אַז פון דיר קען מען איצט גאָרנישט נעמען, ביסט שוין אין אַזאַ צושטאַנד, אַז דו לעבסט אַליין קוים. פראָסיע פרעגט זיך אָן צי מ'מעג זיי באַערדיקן אין טרונעס, אין הילצענע קאַסטנס". מיט טרערן אין די אויגן האָט וועלוול אָפּגעדאַנקט דעם פויער פאַר זיין גוט האַרץ.

דריי אַזייגער באַטאָג האָט מען צוגעפירט צו דער שטוב דריי קאַסטנס, צוויי גרויסע און איינע אַ קליינע. באַהאַלטן האָט מען די הרוגים אַרויס דעם דאָרף הינטער אַ וועלדל.

פונעם פעלד האָט מען וועלוולען שוין געמוזט פירן אונטער די הענט. דאָס האָבן געטאָן פראָסיעס שכנס צוויי מיידלעך. אברהמלען האָט פראָסיע געפירט אַרומגענומען ביז צו איר שטוב.

נאָך דער לוויה האָט וועלוול דערפילט, אַז זיין האַרץ וועט נישט אויסהאַלטן טאָמער פאַרהאַלט ער זיך אַן איבעריקע שעה אין דעם דאָזיקן דאָרף און ער האָט געמאָלדן פראָסיען, אַז ער קלייבט זיך שוין אין וועג אַריין, כאָטש ער איז געווען אויסגעמאַטערט און צעבראָכן.

פראָסיעס שכן האָט אים געהאָלפן איינשפאַנען דאָס פערדל און פראָסיע האָט צוגעגרייט דאָס וועגעלע. צוזאַמען מיט אַברהמלען האָט זי אויסגעבעט ווייכע היי, אַרויסגעטראָגן בעטגעוואַנט. געגעבן זיי אין וועג אַריין אַ גרויסע רעדנע, וואָס לאָזט נישט דורך דאָס וואַסער, זיי זאָלן פאַרדעקן דעם וואָגן אין פאַל פון אַ רעגן, אַרויסגעבראַכט פון שטוב איוואַנס אַ רעגן-מאַנטל און אַ פאָר שטאַרקע שטיוול. זי האָט זיי אויך באַזאָרגט מיט שפייז אויפן וועג.

דער וועג צום שטעטל איז געווען זייער אַ שווערער. זיי האָבן זיך קוים דערשלעפּט אַהיים. "וועלוול, דאַרפסט לעבן, וועלוול, דו מוזט לעבן! לעב צוליב אברהמלען, צוליב מלכלען, וואָס וועט זיך מערטשעם אומקערן פונעם פראָנט. קיין מאַמע האָבן שוין די קינדער נישט, זאָלן זיי כאָטש האָבן אַ טאַטן" - מיט די געדאַנקען האָט וועלוול באַשלאָסן זיך נעמען אין די הענט אַריין. ער האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל און גענומען זיך צו זיין פאַך. פון אין דער פרי ביז אויף דער נאַכט האָט זיך ביי אים אין שטוב די טיר נישט צוגעמאַכט. פון אַלע אַרומיקע דערפער איז מען געקומען צו אים זיך גאָלן און שערן. געצאָלט האָט מען ווער מיט אַ ליטער מילך, ווער מיט אַ צענדליק אייער, ווער מיט אַ טאָרבעלע מעל אָדער מיט אַ בינטל האָלץ. געקלעפּט האָבן אַרום אים נישט איין קראַנקער, נישט איין אַלטער מענטש אָדער מוטער מיט קליינע קינדערלעך, וועמעס טאַטע האָט זיך געפונען אויפן פראָנט. "זאָלסט שוין מער קיין מאָל פון קיין צער נישט וויסן, וועלוול, דיינע הענט זאָלן דיר קיין מאָל נישט ווי טון" - אַזוי האָבן אים אָפּגעדאַנקט די אַלע הילפלאָזע, וועמען ער פלעג אַריינשיקן מיט אברהמלען אַ טייל פון זיין פאַרדינסט, אַ ליטער מילך, אַ שטיקל ברויט אָדער אַ בינטל האָלץ.

אַזוי האָט זיך וועלוול געהאַלטן ביז אין לעצטן טאָג אַריין, ביז דעם בלוטיקן פראָסטיקן פעברואַר טאָג.

* * *

”נעם דאָס זינדל דיינס און קום מיט אונדז!“ - אַזוי האָבן אים שטרענג באַפוילן די צוויי פּאָליצייען, וואָס זענען אַריינגעקומען צו אים אין שטוב אַריין פאַרנעמען אים צום גרוב. וועלוול איז צו דעם מאָמענט שוין געווען צוגעגרייט. ווי נאָר מ'האָט אַרויסגעשלעפּט פון איר שטוב זיין אַלטע שכנה מיט דער טאָכטער און די אייניקלעך, האָט ער געוווסט, אַז איצט איז זיין ריי, אַז די פּאָליצייען וועלן זיך באַלד אומקערן נאָך זיין נשמה. אָבער אַנטלויפן איז נישט געווען וווהין, אויסבאַהאַלטן אברהמלען איז אויך נישט געווען מעגלעך...

וועלוול האָט עפּעס געוואָלט זאָגן דעם זון, נאָר יעדעס מאָל זענען זיינע ווערטער געבליבן שטעקן ביי אים אין האַלדז. ווען די פּאָליצייען האָבן גענומען אים שטאַרק אונטערטרייבן האָט זיך ביי אים קוים אַרויסגעריסן פון זיינע ציטערנדיקע ליפּן: ”קום מיין קינד“. נאָר ביי די ווערטער איז אברהמל צוגעגאַן צום בענקל אויף וועלכן מע פלעג גאָלן די קליענטן, ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און אָנגערופן: ”איך גיי נישט ביז מיין טאַטע וועט מיך נישט אָפּגאָלן. אַפילו אין גרוב אַריין וויל איך אויך גיין אַ ריינער, אַן אָפּגעגאָלטער“, די צוויי פּאָליצייען האָבן זיך איבערגעקוקט מיט וווּנדער. איינעם פון זיי האָט אַפילו שטאַרק געפעלן דעם יינגלט געדאַנק, ער האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט צו וועלוולען, אַז ער גיט אים צוויי מינוט אויף אָפּצוגאָלן דאָס זונדל.

ווען וועלוול האָט גענומען די בריטווע איז זי שיעור נישט אַרויסגעשפּרונגען פון זיין האַנט, אַזוי האָט די האַנט געציטערט. ער איז צוגעגאַן צום בענקל, אברהמל איז געזעסן מיט אַן אויפגעהויבן קלאָר בערדל, וואָס ער האָט נאָך אַפילו נישט געפּרווט גאָלן אין זיינע 15 יאָר. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און געזאָגט: ”גיכער, טאַטע, מאַך עס אַזוי, ווי מ'האָט געמאַכט דער מאַמען“.

וועלוול האָט דערפילט, אַז אָט, אָט, קערט זיך ביי אים איבער דער מוח. אָט, אָט פליט אַרויס זיין האַרץ. קיין צייט לאַנג צו טראַכטן איז נישט געווען, אין די עטלעכע רגעס וואָס די פּאָליצייען האָבן אים געגעבן, האָט ער געמוזט אויסקלייבן פאַר זיין ליבן מיזיניק דעם גרינגסטן וועג צום טויט.

”אברהמל בעט מיך. דאָס איז זיין לעצטער ווילן אין לעבן. ער וויל זיך נישט אונטערגעבן די גזלנים, ער וויל נישט גיין פרייוויליק, זיך אַ נאַקעטער אַוועקשטעלן אויפן ברעג פון גרוב, וואַרטן ביז ס'וועט קומען זיין ריי, ביז דער פּאָליציי וועט אויסדרייען די ביקס אין זיין זייט, ביז די קויל וועט אים טרעפן און אַראָפּשמיצן אַ האַלב לעבעדיקן אין גרוב אַריין“, און וועלוול האָט געפּועלט ביי זיך אויספילן אברהמלס לעצטע בקשה. ער האָט אַ פיר געטאָן מיט דער בריטווע איבער זיין יונג העלדזל. אַרויסגעריסן די בריטווע נאָכן טיפן שניט, האָט וועלוול זיך אַ וואָרף געטאָן מיט דעם מעסער אין די הענט צו די פּאָליצייען. אָבער ער האָט באַוויזן מאַכן בלויז איין שפּאַן. אין יענעם מאָמענט האָט זיך אָפּגערופן זיין אָנגעווייטיקט שלאַף האַרץ. ס'איז אַרויסגעשפּרונגען און ער איז אומגעפאַלן. צום גרוב האָבן די צוויי פּאָליצייען שוין קיינעם נישט געפירט.

עקיבא פישבין / ירושלים

## 1492 - געבורט פון אַ נייע וועלט?

באַרטאָלאָמעי בענאַטאַר איז אַ היסטאָריקער פון דער רענעסאַס־צייט. ער האָט, ביינאַנד מיט זיין פרוי לוסיל, דערלאַנגט דעם לייענער אַן אינטערעסאַנטע פאָרשונג, אַ קאָלירפול בילד פון אַ רעשיקער תקופה מיט אַ שפע ריחות פון דעמאָלטדיקן לעבן.

ווער איר פרעגן - מאַי קא משמע לן שנת 1492? ביי אַ ייד האָט איר געפּועלט, אַז ער וועט אייך אויפמישן אַ ביטער בלעטל פון אונדזערע דברי ימים. אין יידישן זכרון איז דאָס יאָר 1492 פאַרקריצט מיט מעשים פון אַלדאָס בייז. אין דעם יאָר האָט מלכות שפּאַניע, אַ וועלט פון אומיושר, אָן אַ ברעקל רחמים, אַרויסגעריסן מיטן שורש אונדזער ספרדישן שבט פון דער שפּאַנישער ערד. פון אַן עשירותדיקער קולטור פון יידישן פאָלק אַ תל געמאַכט!

נו, פאַר דער וועלט איז 1492 די התחלה פון א"ג "נייע צייט". וואָס איז די גדולה? היות, ווי קאָלומבוס האָט אין 1492 זיך דערשלאָגן צו די ברעגעס פון אַ נייעם קאָנטינענט, ער האָט אַנטדעקט אַמעריקע. היות דער אויפטו זיינער האָט אַ שטויס געטאָן די וועלט אויף נייע וועגן, פאַרשנעלערט די אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער סביבה, האָבן געלערנטע זיך באַרעכנט, און באַשלאָסן, אַז די דאָזיקע דאַטע ווערט דער סימן פון אַ נייער תקופה אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

יאָ, דער טעם פון יאָר 1492 איז ביי יידן נישט דער זעלבער, ווי ביי נישט־יידן... לאָמיר דאָ באַמערקן - אָן יידישע מוחות, אָן די פּעטע בייטלען פון יידן אין מלכות שפּאַניע, וואָלט קאָלומבוס זיין אויפטו נישט דערגרייכט. נישקשה, יידן האָבן אים אונטערגעשטעלט אַ לייטישע פּלייצע... און אפשר מיט אַ חשבון. עפּעס זאָגט מען, אַז קאָלומבוס דאַרף שטאַמען פון אַ יידיש־קאַטאַלאַנישער פאַמיליע, וואָס האָט אויסגעוואַנדערט באַצייטנס קיין איטאַליע און אויפגעשטעלט אירע געצעלטן אין גענואַ.

אמת, די מחברים פון בוך האַלטן נישט פון דער אָ השערה. זיי טייטלען אָן אָבער אויף דער צוגעבונדקייט פון קאָלומבוס צום תנ"ך. זיינע בריוו זענען פול מיט רייד וועגן משה רבינו וואָס האָט יידן באַפרייט פון מצרים: ער פאַרגלייכט זיך מיט דוד המלך.... אינטערעסאַנט = ביים לעבן האָט מען קאָלומבוסן פאַר אַ גדול הדור נישט באַטראַכט. אין די ספרים פון די חכמי הזמן איז וועגן אים קיין וואָרט נישט פאַראַן. מחוץ אַן ענגן עולם אין די הויכע פענצטער פון איבערישן האַלבאַינדזל, ווי אויך צווישן די מאַרינער, וועלכע האָבן געוואַנדערט איבער ימים און אָקעאַנען, האָט קיינער פון קאָלומבוסן נישט געהערט. און אַז אין יאָר 1506 האָט ער פאַרלאָזט די זינדיקע ערד, האָט דאָס קיינער נישט באַמערקט. און ווען אין יאָרן אַרום איז צו די אויערן פון דער וועלט דערגאַנגען די נייעס, אַז די מענטשהייט איז געוואָרן רייכער מיט אַ קאָנטינענט, איז דאָס פאַררעכנט געוואָרן דאַן אויפן חשבון פון אַ צווייטן... אין קאָלומבוסן האָט די פאַלשע וועלט ערשט זיך דערמאָנט אין 18־טן י"ה.

יאָ, יענע יאָרן אַרום 1492 זענען פול מיט היסטאָרישע געשעענישן וואָס רודערן אויף די מוחות פון אנשי הזמן: זיי האָבן אַן איינפלוס אויפן גאַנג פון לעבן אין אייראָפּע. עפּעס האָט דער דעמאָלטדיקער מענטש גאָרנישט באַנומען דאָס "גליק" וואָס האָט אים באַטראַסקעט מיטן אַנטדעקן אַמעריקע. אַז אַמעריקע איז פול מיט אוצרות, אַן אמתער גן־עדן, דאָס דאָזיקע איז מען געוויער געוואָרן אַ צענדליק יאָרן שפּעטער. נו האָט מען זיך שוין קיין אַמעריקע צוביסלעך מטריח געווען, ווייל צו שאַרן גאָלד פעלן נישט קיין

בעלנים. און אַז מען איז אָנגעקומען אַהין, איז מען געפאַלן דאָרט עפּעס אויף מענטשן, וואָס אַזעלכע האָט מען אין אייראָפּע נאָך נישט געזען. ווער זענען דאָס די דאָזיקע מאָדנע נפשות? פון וואַנען האָבן זיי זיך דאָ אַהער גענומען? דער עולם האָט געוואָלט פאַרשטיין.

געווען חכמים ונבונים האָבן זיי געפּסקנט, אַז לפי דעם שכל הישר זענען די אָ מאָדנע ברואים... יידן... ס'הייסט - יידן פון די פאַרלוירענע צען שבטים... און איידער נאָך די חכמים זענען צווישן זיך דורכגעקומען און באַשלאָסן ווער די נאַקעטע און בארוועסע זענען דאָס באמת, און, דער עיקר, ווי אַזוי דאַרף מען זיך באַציִען צו די "נייע" מענטשן לפי דעם קריסטלעכן דת, ווייל פאַרגעסט נישט, קריסטלעכער חסד און רחמים איז נישט קיין קלייניקייט... האָבן שוין די פרומע שפּאַניער, זשעדנע נאָך עשירות, זיך אַ נעם געטאָן צו די דאָרטיקע תושבים, זיי איינגעשפּאַנט צו עבודת הפרך = געשניטן פון זיי די הויט!

דער אופן, ווי אַזוי די בעלנים אויף גאָלד, די פרומע קריסטן פון דער "אַלטער" וועלט, האָבן זיך מטפּל געווען מיט די תושבים פון דער אַנטדעקטער ערד, האָט נישט נושא חן געווען ביי יעדן איינעם. געווען אַזעלכע וואָס האָבן געטענהט = ס'טייטש, וווּ איז רחמנות? אַזוי באַהאַנדלט מען לעבעדיקע נפשות?

אין געוויסע מיסיאָנערישע קרייזן האָט מען אויפגעהויבן אַ ויצעקו! נו, איז ווען דער טומל איז דערגאַנגען צום קעניגליכן טראָן, און אויך אין רוים, ביים "הייליקן פאָטער", האָט מען געהערט אַן עכאָ, איז באַשלאָסן געוואָרן – מען דאַרף זיך מישב זיין: מעט רופן אַן אסיפה פון זאַכקענער, אַלץ מענטשן מיט אַ קאָפּ, און זאָלן די חכמים פּסקנען - ווער זענען דאָס די דאָזיקע אַנטדעקטע נפשות, און ווי אַזוי דאַרף מען, דער עיקר, לפי דעם קריסטלעכן דין, מיט זיי זיך באַגיין, קורץ פון דער זאַך.

אין יאָר 1550 איז אין אַ קלויסטער אין דער שפּאַנישער שטאָט וואַלאַדאַליד, ביי דער אָנוועזנהייט פון פּויפּסטלעכן לעגאַט, ווי אויך אַ שליח פון מלך קאַרל דעם פינפטן, פאָרגעקומען דער באַרימטער וויכוח. מילא, דער רעש איז דאָרט אָנגעגאַנגען אויף די הויכע אָקטאַוועס. ס'איז זמן "הרענעסאַנס" און הומאַניזם איז דאַן שטאַרק אין דער מאָדע. מען האַלט פון די אַלטערטימלעכע חכמים אַ וועלט...

נו, האָט מען זיך געדונגען און געדונגען. הומאַניזם איז אַ שיינע זאַך טאַקע, אָבער עשירות... האַ? איז הערט וואָס קלוגע מענטשן קאָנען באַווייזן. אין דער אסיפה האָט זיך באַטייליקט דער גלח סעפּולוועדאַ, אַ באַקאַנטער הומאַניסט פון יענע צייטן. צו זיינע רייד פלעגט מען צולייגן אַן אויער. האָט דער אָ גלח, דער הומאַניסט, אַן אַ פינטל צו טאָן מיטן אויג, געפּסקנט, אַז די אַנטדעקטע תושבים פון דער "נייער" וועלט זענען, סוף־כל־סוף, ווי די קאַניבאַלן - מינדערווערטיקע נפשות. ווי קען מען זיי פאַרגלייכן צו די שפּאַנישע קריסטן? זיי זענען, עלעהיי ווי די מאַלפּע לגבי דעם מענטש! (ס'איז כדאי צו באַמערקן: דער פוס פון סעפּולוועדאַ האָט קיין מאָל די ערד פון אַמעריקע נישט באַטראָטן).

היות ווי די אינדיאַנער זענען, בסך־הכל נישט מער, ווי כמעט מאַלפּעס, איז פאַר די חסדים פון שמד און ציוויליזאַציע, וואָס די שפּאַנישע קריסטן טוען זיי אַזוי גרויסמוטיק אונטערטראָגן, זאָלן זיי כאָטש מיט אַרבעט אָפּדאַנקען. אַז זיין פּסק איז לפי דער הומאַניסטישער הלכה כשר וישר, האָט סעפּולוועדאַ, דער געלערנטער הומאַניסט, געבערענגט אַ ראיה פון גרויסן אַריסטאָטלעס, דעם חכם פון אַלטערטימלעכן גריכנלאַנד.

סעפּולוועדאַ האָט געזאָגט, אַז ביי אַריסטאָטלעס שטייט געשריבן שוואַרץ אויף ווייס, אויב אַ בן אדם טוט זיך נישט אונטערשיידן פון אַ חיה, איז גוזר אויף אים די נאַטור, ער זאָל ווערן אַ שקלאַף, פאַר אַזאַ איינעם איז גלייכער ער זאָל פילן אויף זיך די רוט פון באַלעבאָס...

הערט, און אַז אַרסטאָטלעס האָט געזאָגט. נו, איז וואָס? איז שוין... אַ כשרער טאָפּ מיט אַ כשערער שיסל? מאַלע, וואָס אַריסטאָטלעס האָט געזאָגט... האָט ער געזאָגט!

וואָלט אָבער סעפּולוועדאַ, דער הומאַניסט, זיך מטריח געווען צו אונדזערע חז"ל, איי, דאָרט צווישן זיי, דאָרט וואָלט ער געפונען מער הומאַניטאַרע דעות. סעפּולוועדאַ וואָלט צווישן די חז"ל אָנגעטראָפן אויף אַ מימרא פון רבי מאיר, וואָלט אים ליכטיק געוואָרן אין די אויגן, און זיין פּסק וואָלט אויסגעזען אין גאַנצן אַנדערש. און זיין הומאַניזם וואָלט געוואָרן ליכטיקער און שענער. וויל---

אמר רבי מאיר – אויף צו באַשאַפן אדם הראשון האָט גאָט צונויפגענומען ליים פון אַלע עקן וועלט, אַז נישט קומען זאָל אַמאָל אַזאַ איינער, ווי סעפּולוועדאַ און זיינס גלייכן, מיט אַ טענה, אַז ער שטייט העכער, און אַז ער איז מער יחסן פון אַ צווייטן... נישקשה, אַלע שטאַמען מיר אָפּ פונעם זעלבן ליים!

הכלל, די מימרא פון רבי מאיר שמעקט מיט רעספּעקט פאַר אַ מענטש: זי פינקלט מיט מידת הרחמים. נו, מאַ, איז דאָך די מעשה, וואָס דער אָרעמער סעפּולוועדאַ, דער הומאַניסט, האָט צו די חז"ל נישט געוואָלט זיך מטריח זיין: פאַר דעם טריפהניאַק איז דער תלמוד געווען פּסול. איז זיין פּסק געבליבן פּסק, און פון די אינדיאַנער אין אַמעריקע האָט מען געמאַכט אַ "שיינעם" סך־הכל. זיי האָבן ביי קריסטלעכן "רחמנות" אָפּגעשניטן גאָרנישט בעסער, ווי די יידן אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל צו דער זעלבער צייט.

יאָ, גיי זוך ביי אַ קאָזאַק יושר...

פרעגן טאַקע די מחברים פון בוך – איז 1492 אַן אָנפאַנג פון אַ נייע וועלט? מיט וואָס? די "נייע וועלט", זי בלייבט דאָך ביי דער אַלטער אומטאָלעראַנץ בין אדם לחברו! די אָ נישט אויסגעהיילטע מחלה – זי ברענגט דאָך צו רציחות און צו אָקעאַנען בלוט... געוואַלד! געוואַלד!

נו?! – ווען וועט זי שוין אַ מאָל קומען, די נייע וועלט!!!

---

אַבאָנירט און שטיצט

# חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע

נייע ביכער (I)

# "שאָטנס קלאַפּן אין שויב"

די שאָטנס פון דער פאַרגאַנגענהייט, פונעם חורבן און אומקום, קלאַפּן אין שויב פון יעדן היינטצייטיקן יידישן שרייבער און פאַרשטעלן צומאָל די ליכטשטראַלן, וואָס פּרוּוון זיך דורכרייסן די פאַרטונקלטע שויבן פון זיכרון. אַזוי איז עס אין דער פּאָעזיע, אַזוי אין דער פּראָזע און אין אַלע אַנדערע זשאַנרען פון קינסטלערישן שאַפן. און הגם פון יענע שרעקלעכע צייטן זענען שוין פאַרגאַנגען אַן ערך זעקס צענדליק יאָר, איז נאָך אַלץ די טעמאַטיק פון יידישן חורבן בימי היטלער און סטאַלין, אַ דאָמינירנדיקע אין אונדזער ליטעראַטור.

דער גוט באַקאַנטער שרייבער אַלכסנדר **שפּיגלבלאַט**, דער מחבר פון לעצטנס אַרויסגעגעבענעם בוך א"נ "שאָטנס קלאַפּן אין שויב", איז אין דער הינזיכט נישט קיין יוצא מן הכלל. די חורבן־טעמאַטיק פאַרנעמט, אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן, אַן אָנגעזען אָרט אין אַלע זיינע שאַפונגען, און ער האָט שוין אויף זיין קאָנטע אַ קיימא־לן פון זיבן וואָגיקע ספרים פּאָעזיע, פּראָזע און עסייען, וואָס האָבן אים אַוועקגעשטעלט אין דער מיזרח־וואַנט פון דער יידישער ליטעראַרישער יצירה אין אונדזער צייט. "שאָטנס קלאַפּן אין שויב" - אַ זאַמלונג פון דריי דערציילונגען - איז דאָס אַכטע בוך שפּיגלבלאַטס. און ווען מען גיט נאָך צו דעם צו זיין יאָרנלאַנגע אַרבעט, ווי דער סעקרעטאַר פון בעסטן יידישן זשורנאַל אין לעצטן האַלבן יאָרהונדערט, "די גאָלדענע קייט" - קאָן מען פאַרשטיין דעם אינטערעס וואָס שפּיגלבלאַטס "שאָטנס" רופן אַרויס.

און דער אינטערעס ווערט נישט אָפּגעשוואַכט לייענענדיק די דערציילונגען. פאַרקערט, וואָס מער מען פאַרטיפט זיך אין זיי, וואַקסט דער אינטערעס נישט בלויז צום סיפור המעשה און דעם גורל פון די העלדן, נאָר אויך צו דעם אופן ווי דער מחבר דרינגט אַריין אין זייערע אומוואַנדלונגען, אין זייער אינערלעכער וועלט. דער בעסטער ביישפּיל איז די צווייטע דערציילונג אינעם בוך: "תיקון־ליבשאַפט", און אויף איר ווילן מיר זיך טאַקע אָפּשטעלן, ווייל זי גיט דעם שליסל צו דער גאַנצער שאַפונג פון אַלכסנדר שפּיגלבלאַט, סיי צו זיין פּסיכאָלאָגישן רעאַליזם, סיי צו דער עלעגאַנץ און בילדלעכקייט פון זיין פּראָזע און ליד, און סיי צו זיין קערנדיקן רומעניש־יידישן לשון (פון דאָרטן, פון רומעניע און מאָלדאַוויע, האָט ער געשעפּט זיינע קינסטלערישע זאַפטן).

די דערציילונג 'תיקון־ליבשאַפט" איז ווי פאַרהילט אין אַ גרויען וואָאַל פון שטילן אומעט און בירגעלעכער געמיטלעכקייט, באַהויכט מיט דעם געטלעכן אָטעם פון פּאָעזיע, באַזונדער פון ריינער מאַריאַ רילקעס פּאָעזיע, וועלכן די העלדין, ד"ר טאַניאַ ענגעלנעסט, האָט דערפילט בעת זי האָט באַזוכט דעם קבר פונעם גרויסן פּאָעט אין דער שווייץ. "אויפן וועג - שרייבט דער מחבר - האָט זי זיך אויסגעמאָלן, אַז זי פּאָרט זיך באַגעגענען מיטן לעבעדיקן דיכטער, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אין דעם אַלטן קלויסטער, כדי צו רעדן מיט גאָט. פון דער בריק איבערן טייך האָט זי שוין דערזען אין דער הייך, אויפן באַרג, דאָס ווייסע קלויסטערל, וואָס עמעצער האָט צוריק מיט הונדערטער יאָרן אַריינגעבויט אין דער גרינער לאַנדשאַפט... טאַניאַ געדענקט די זוניקע שטילקייט אין וועלכער זי האָט בלויז פאַרנומען דאָס רוישן פון וואַסערשטראָם".

"די זוניקע שטילקייט" און דאָס "רוישן פון וואַסערשטראָם" באַגלייטן דעם לייענער דורך אַלע עטלעכע און צוואַנציק זייטלעך פון דער דערציילונג. אין איר איז איינגעפלאָכטן אַ קאָמפּליצירטע ליבע, וואָס איז, לויט איינעם פון די העלדן, דעם יידישן דיכטער

עקביא זאַנזעט, "דער תיקון פון לעבן". און דאָס לעבן, ווי די ליבע, איז פאַר ד"ר טאַניאַ ענגעלנעסט נישט אויסגעבעט מיט קיין רויזן. זי האָט געשטאַמט, פון טאַטנס צד, פון אַ משכּילישער משפּחה, און דער זיידע, פון דער מאַמעס צד, איז געווען אַ רב אין אַ קליין שטעטל אין גאַליציע. זי אַליין איז אויסגעוואַקסן אין טשערנאָוויץ, און איר מוטער־שפּראַך איז געווען דייטש. נאָכן טויט פון איר פאָטער, צו ווען זי איז געווען שטאַרק צוגעבונדן, האָט זי זיך אַריבערגעקליבן קיין יאַס, און ווי אַ דאָקטערשע געאַרבעט אין אַ יידישן שפּיטאָל. דאָרט האָט זי זיך באַקענט מיט איר צוקונפטיקן באַשערטן, דעם אַדוואָקאַט באַרטאָלאָמעאָ בראַנעסקו, וועלכן מען האָט געבראַכט אין שפּיטאָל אַ צעשלאָגענעם נאָך אַן אָנפאַל פון אַנטיסעמיטישע רומענישע סטודענטן.

באַרטאָלאָמעאָ האָט אויך, ווי ד"ר טאַניאַ ענגעלנעסט, געשטאַמט פון אַן אַסימילירטער משפּחה, און אַזוי ווי איר פאָטער, וועלכער האָט ווייניק געזאָרגט פאַר זיין מעדיצינישער פּראַקטיק און מער פאַר זיינע גריבלענישן אין שפּינאָזעס פילאָסאָפיע, האָט באַרטאָלאָמעאָ ווייניקער געזאָרגט פאַר זיין אַדוואָקאַטור און מער זיך פאַרנומען מיט אַנטוויקלען זיין טעאָריע וועגן "גראַפאָנעטיק" – די קרובהשאַפט צווישן גראַפאָלאָגיע און פאָנעטיק.

אָפּגעלעבט צוזאַמען צוויי יאָר און געבוירן אַ יינגעלע, האָט טאַניאַ זיך דערפילט פרעמד אין באַרטאָלאָמעאָס דירה, זיין ליבשאַפט האָט איר מער נישט באַפרידיקט. זיי האָבן זיך נישט געגעט. זי האָט גענומען דאָס קינד און זיך אַריבערגעקליבן אין אַ בוקאָווינער פּראָווינץ־שטעטל. דאָרט האָט זי איבערגעלעבט די מלחמה, פאַרטריבן געוואָרן אויף דער צווייטער זייט דניעסטער, געווען פאַרשפּאַרט אין געטאָ, פאַרלוירן איר קינד, וואָס איז געווען אַ קרבן פון אַ טיפוס־מגפה, און נאָך דער מלחמה האָט זי זיך אומגעקערט אין דער חרובער היים.

אויפן וועג צוריק צו דער רומענישער גרענעץ האָט טאַניאַ באַגעגנט אַ יונגנמאַן וועלכער האָט איר דערציילט וועגן אומקום פונעם מענטשן, וועלכער האָט אויף אַ שטיקל צייט געהאַט אויפגעוועקט איר פרויאישקייט און דעם תיקון־ליבשאַפט. דאָס איז געווען דער דערמאָנטער יידישער פּאָעט עקביא זאַנזעט, וועלכער האָט זיך געהאַט באַוויזן אין שטעטל אין איינעם אַ זומער־טאָג ווי אַ קורגאַסט.

דאָס אַלץ ווערט קאָנטעמפּלירט דורך טאַניאַן אין רעטראָספּעקט פון איר געמיטלעכער תל־אביבער וווינונג "מיט וואַזאָנעס אין איטלעכן ווינקל, מיט בלומען און סלאַיעס אויפן טיש", ווען זי האָט פּלוצעם באַקומען אַ בריוו וואָס האָט איר געלאָזט וויסן, אַז איר מאַן, באַרטאָלאָמעאָ בראַנעסקו, וועלכער האָט איבערגעלעבט די מלחמה און נישט געוואָלט פאַרלאָזן זיין רומענישע היים און זיינע ביכער, איז אומגעקומען ערגעץ אין אַן אַקצידענט.

ווי אויף אַ פילם־טאַשמע, וואָס באַוועגט זיך אויף צוריק, קומען אויף פאַר איר – און פאַר דעם לייענער – אַלע אומוואַנדלונגען אין איר לעבן, פון וועלכע דער חורבן איז בלויז אַ פראַגמענט, אָבער ער דאָמינירט אין דער אַנטוויקלונג פון די אַסימילירטע העלדן, אויף וועלכע עס הויערט די קאָמפּליצירטע יידישע דורותדיקע פאַרגאַנגענהייט. אָפט מאָל האָט איר דעם איינדרוק, אַז דאָס זענען שאָטנס פון אַ פאַרלוירענער וועלט, אָבער זיי באַוועגן זיך ווי לעבעדיקע וועזנס, וואָס קלאַפּן אין שויב פון זיכרון און אין אונדזערע הערצער.

'תיקון־ליבשאַפט" איז אַן אומפאַרגעסלעכע דערציילונג, אַזוי אויך די צוויי אַנדערע דערציילונגען אין אלכסנדר שפּיגלבלאַטס נייעם בוך.

**מ.ש.**

## אלכסנדר שפּיגלבלאַט

* * *

דער זומער, געדענקט טאַניאַ, האָט זיך דעמאָלט געצויגן ביז שפּעט אין האַרבסט אַריין. די טעג זענען ממש געווען געטונקען אין גאָלדענעם ליכט און אַ זיסער אומעט האָט פֿאַרשפּונען דאָס געמיט מיט קאָלירקע פֿעדעם. די ביימער אין טאָל האָבן פֿאַמעלעך געלאָזט פֿון זיך אַראָפּפֿאַלן טרוקענע בלעטער, איינציקווייז, ניט געאיילט, אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל, און מיט קינאה אַרויפֿגעקוקט אין דער הייך, צו די נאָדלביימער אויף די בערג, וואָס נעמען זיך איבער מיט זייער אייביק גרינעם געצווייג. דער טייך האָט געשטראָמט אַ נידעריקער צווישן טרוקענע ברעגן און געלאָזט אַרויסזען די גלאַט געשליפֿענע שטיינער אויפֿן דנאָ. די שקיעות האָבן זיך צעגאָסן ווי צעטאָפּיעט גאָלד איבער די הייזער, איבער די גערטענער, איבער די ווייסע, געלע און טונקל רויטע דאַליעס וואָס בליען ממש ביז אין שפּעטן, פּראָסטיקן האַרבסט אַריין.

טאַניאַ און רפֿאל זענען אין די לאַנגע נאָכמיטאָג־שעהען געזעסן מיט עקיבאן אין דער לאָנקע לעבן טייך. עקיבאַ האָט שטענדיק געהאַט ביי זיך אַ פֿעדער־מעסערל מיט שאַרפֿע קלינגלעך, איינגעלייגטע אין אַ שטאָלענעם קלעצל, באַשלאָגן מיט פּערל־מוטערנע זייטלעך. מיטן דאָזיקן מעסערל האָט ער פֿון ווערבעצווייגן אויסגעשניצט פּייפֿעלעך פֿאַר קליינוואַרג וואָס האָט אים אַרומגערינגלט און געקוקט אין די פֿינגער. בעת־מעשה האָט ער אויף זיין וואַרעם הייזעריקן קול געזונגען יידישע פֿאָלקסלידער, וואָס זענען פֿאַר טאַניאַן געווען אַ נאָווענע. אין מיטן דער אַרבעט, פֿלעג ער פּלוצעם אויפֿהייבן ביידע הענט און אַ זאָג טאָן:

– געזונג פֿאַר הייַנט קינדערלעך, דאָס מעסערל איז מיד!

פֿון צייט צו צייט איז אויף אים אָנגעפֿאַלן אַ מרה־שחורה. ער איז געלעגן אַ שטומער און האָט אַרויפֿגעקוקט צום הימל. איין מאָל האָט ער נאָך אַ לאַנג שווייגעניש אָנגעהויבן זינגען אַ ליד וואָס האָט זיך טאַניאַן איינגעקריצט אין זכרון:

די זון וועט אַרונטערגיין הינטערן באַרג,
וועט קומען אַ שטילע די ליבע צו גיין,
וועט קומען אַ שטילע די ליבע צו גיין
צום אומעט, וואָס זיצט אויף אַ גאָלדענעם שטיין
און וויינט פֿאַר זיך איינעם אַליין.

– ווען האָסטו עס געשריבן, דאָס דאָזיקע ליד? – האָט טאַניאַ אים געפֿרעגט.

– ניט איך האָב עס געשריבן, טאַניאַ, נאָר אַ גרויסער יידישער פּאָעט, וואָס זיין נאָמען איז משה־ליב האַלפּערן – האָט ער געענטפֿערט און איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן.

אין איינעם אַ פֿרימאָרגן, סוף אָקטאָבער, האָט מען זיך געכאַפּט אַז פֿונעם גאָלדענעם האַרבסט איז קיין סימן ניט געבליבן. אַ בלייערנער הימל האָט אָנגעזאָגט אַז דער ווינטער איז שוין אונטער וועגס און איטלעכער איז מחויב זיך צו פֿאַרקלייבן אין זיין היים. עקיבאַ איז געווען פֿון די לעצטע קורגעסט אין שטאָט, נאָר ווען עס האָבן אָנגעהויבן גיסן קאַלטע האַרבסטיקע רעגנס, האָט אויך ער זיך געקליבן אין וועג, כאָטש אין זיין בעסאַראַבישן שטעטל, האָט דווקא אויף אים ניט געוואַרט קיין וואַרעמע היים.

←

נייע ביכער (II)

# ווילנע, ווילנע

Litwo! Ojczyzno moja! ty jestes jak zdrowie;
Ile cie trzeba cenic, ten tylko sie dowie,
Kto cie stracil...

Adam Mickiewicz

איר לעצטן אַרויסגעגעבן בוך א"נ "מיט שרייבערס, ביכער און מיט... ווילנע" עפנט מוסיע לאַנדאַו מיט די שורות פון דעם באַוווסטן יונגווילנער פּאָעט אלחנן וואָגלער: "ווילנע מיין וויג און מיין דויער,/ מיט קלאַפּ פון מיין האַרץ אין פּאַנאַר. / אַ וועג לייגן צו דיינע טויערן / וועל איך מיט שטיינערנעם צער". לייענס דעם מאָטאָ און באַלד קומען אויפן געדאַנק די אויבן געבראַכטע שורות פונעם נאַציאָנאַלן פּוילישן דיכטער אַדאַם מיצקעוויטש, וואָס אין יידישער איבערזעצונג קלינגען אַזוי: "ליטע! מיין פּאַטערלאַנד! דו ביסט ווי ס'געזונט: / ווי מען דאַרף דיך שעצן וועט וויסן בלויז דער / וואָס האָט דיך פאַרלוירן".

ווילנע... ליטע. זיי רופן זיך איבער, אַ מאָל מיט נאָסטאַלגיע, אַ מאָל טראַגיש, אָבער שטענדיק ווי צוויי סימבאָלן פון איין גאַנצקייט. אַזוי די ליבשאַפט צום געבוירנלאַנד (מיצקעוויטש) און צו דער געבוירנשטאָט (אלחנן וואָגלער) און אויך מוסיע לאַנדאַו, די אַנדערע יונגווילנער און אַלע די וואָס זענען אַ מאָל געקומען אין באַרירונג מיט יידישווילנע. איז דעריבער נישט קיין וווּנדער וואָס ווילנע, "ירושלים דליטא" פאַרנעמט אַ צענטראַל אָרט אין מוסיעס בוך.

מוסיע לאַנדאַו איז פאַרבונדן מיט דעם יידישן וואָרט, מיט דער יידישער שריפט, זינט איר פריער קינדהייט. אויסגעוואַקסן אין אַ ווילנער יידישער דרוקער־משפחה, איז זי נאָכן פאַרענדיקן די יידישע רעאַל־גימנאַזיע, אַליין אַריין אינעם פאַך און געוואָרן אַ שריפט־זעצערין. נאָך יאָרן אַרבעט ווי אַ שריפט־זעצער, און שפּעטער ווי אַ קאָרעקטאָר און מיטאַבעטער פון יידישע צייטונגען אין פּוילן, (ווו מיר האָבן אַ צייט געאַרבעט

◄—

טאַניאַ געדענקט זיין הויכע, דאַרע געשטאַלט, אין דער לאַנגער שוואַרצער פּעלערינע און זיין אַלט שוין אָפּגעניצט רענצל אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק, ווען זי האָט אים באַגלייט צו דער באַן און געהאַלטן איבער זיין הוילן קאָפּ דעם גרויסן אַלטמאָדישן שירעם מיט אַ צעבראָכן הענטל. אויפן וואָקזאַל האָבן געוואַרט דאָרפישע פּויערים און פּויערטעס מיט פולע קוישן און "טרייסטעס" איינגעהאַנדלטע סחורות פאַר די נאָענטע חגאות.

- דו זעסט, טאַניאַ - האָט עקביא קוים אַרויסגעשעפּטשעט, און פון זיינע קאַסאָקע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ מוראדיקער אומעט - דו זעסט, זיי פאָרן אַהיים. וווּהין, צו אַלדע רוחות, פאָר איך אַצינד?

אין פענצטער פון וואַגאָן האָט טאַניאַ אַ רגע נאָך געכאַפּט אויף אים אַ קוק איידער די באַן איז נעלם געוואָרן מיט אַ לאַנגן, שניידנדיקן פייף אין דער בלייערנער ווייטקייט. ס'איז געווען דאָס לעצטע מאָל. מער האָט זי אים קיין מאָל ניט געזען.

*) פראַגמענט פון דער דערציילונג "תיקון־ליבשאַפט"

צוזאַמען), און אין ישראל, האָט זיך ביי מוסיען צונויפגעגומען אַ היפּש בינטל זיכרונות, סקיצן, דערציילונגען און רעפּאָרטאַזשן, און איצט האָט זי, אַדאַנק דער דערמוטיקונג פון חברים און פריינד, דאָס אַלץ איינגעזאַמלט אין אַ בוך. און הגם ווילנע פאַרנעמט דאָס דריטע אָרט אינעם נאָמען פון בוך, דאַרף זי פאַרנעמען דעם סאַמע אויבנאָן. ווילנע דאָמינירט אין אַלע שורות און צווישנשורות אין מוסיע לאַנדאַוס בוך, אויב נישט לויט דער טעמאַטיק, איז לויט דער שפּראַך, דער אידיאָמאַטיק, דעם נאַטירלעכן צונויפמיש פון קערנדיקן יידיש־לשון מיט פּויליש־און רוסיש־אָפּשטאַמיקע ווערטער, פון וועלכן עס באַקומט זיך אַ רייכע מאָזאַיִק.

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין פינף חלקים: פון ווייטן אַמאָל; באַגעגנט אויף מיין לעבנסוועג; פון מיין ביכער־פּאָליצע; מאַמע־לשון און היים; און "די וואָס זענען אַוועק". אין ערשטן אָפּטייל זענען אַריינגענומען עטלעכע פּראָזע־שאַפונגען, אין וועלכע מוסיע לאַנדאַו באַווייזט זיך ווי אַ געניטע אַבסערוואַטאָרין און דערציילערין, אַ גוטער שילדערער פון פאַרשיידנאַרטיקע כאַראַקטערן און סביבות: אַן אָפּגעקומענע עלטערע יידישע אַקטריסע ("די מומע רויזע"), וועלכע פאַרקויפט קאָסמעטיקעס צו גאַסן־פרויען; אַן אָרעמע יידישע מאַמע ("רחל לאה און אירע בנים"), וועלכע שטעלט צו שפּייז־פּעקלעך פאַר אירע זין, וואָס זענען פאַרשפּאַרט אין תפיסה פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט אין סאַנאַציע־פּוילן, און ביידע קומען זיי אום שפּעטער - איינער אויפן פראָנט אין קאַמף קעגן די היטלעריסטן, דער צווייטער - אויף פאַרשיקונג אין די סאָוועטישע גולאַגן.

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז די דערציילונג א'נ "דער סאַמאָוואַר", וואָס זעט אויס צו זיין אויטאָביאָגראַפיש. דאָס איז אַ שילדערונג פון אַ פאַרצווייגטער יידישער אַרבעטער־משפחה, געזען דורך די אויגן פון דער קליינער גאָלדעלע. דער יחותדיקער ניקלנער סאַמאָוואַר - דערציילט די שרייבערין - "אַן אמתער צירונג אין שטוב... וואָס האָט געגלאַנצט עלעהיי ער וואָלט געווען פון ריינעם זילבער (און) איז געשטאַנען אויף אַ ספּעציעל געשניצט טישל", אָט דער סאַמאָוואַר איז געווען אַ געשאַנק פון פאָטערס אַרבעט־קאָלעגן, און אויף אים איז געווען אויסגעקריצט מיט קירילישע אותיות - "דעם טאָוואַרישטש סערקין", און דאָס יאָר - 1906. נישט די דערמאָנונג פונעם רעוואָלוציע־יאָר, און נישט דער אויסגעקריצטער 'טאָוואַרישטש" אויפן סאַמאָוואַר, וועלכן די קינדער האָבן מיטגענומען ווען זיי זענען אַוועק אין קאָמוניסטישן "גן עדן", האָט זיי דאָרט נישט געראַטעוועט פון פאַרשיקונג ווי פּוילישע שפּיאָנען... גאָלדעלע, וועלכע איז אַליין געווען אַקטיוו אין דער ווילנער אונטערדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, דערציילט עס מיט ווייטיק און צומאָל מיט אַ דינעם סאַרקאַזם.

אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען האָבן מיר אַ לעבעדיקע שילדערונג פון דער ווילנער יידישער דרוקער־משפחה, פון די אַרבעטער אין דער באַרימטער קלעצקין־דרוקעריי און פאַרלאַג, זייערע צווישנבאַציונגען און די כאַראַקטער־שטריכן פון באַזונדערע פאַרשוינען. דאָס אַלץ איז אַ וואָגיקער בייטראָג צו דער געשיכטע פון יידישן דרוק־וועזן אין פּוילן.

מיט אַ סך וואַרעמקייט און קענטעניש שרייבט מוסיע לאַנדאַו וועגן יידישע שרייבערס ( "באַגעגענישן אויף מיין לעבנסוועג") און געלייענטע ביכער ( "פון מיין ביכער־פּאָליצע"). טייל געשטאַלטן ברענגט זי אַרויס פון פאַרגעסנקייט, צו אַנדערע גיט זי צו אַ שטריך אָדער צוויי, וואָס נאָר אַ נאָענט, געניט אויג קאָן אויפכאַפּן, און אַזוי אַרום ווערן זיי אונדז נעענטער.

◄—

מוסיע לאַנדאַו

* * *

אין אַ ווינקל פון שטיבל איז געשטאַנען אַ הויכער שטרויענער קאָרב מיט ראָזעס פאַרמעגן. דאָרטן האָבן זיך געפונען דער מומעס אַמאָליקע טעאַטער־רעקוויזיטן: גרויסע היט מיט ברייטע ראַנדן, איבערגעבונדן מיט קאָלירטע סטענגעס און באַצירט מיט קינסטלעכע רויטע ווייַנשל, אָדער מיט בונטע קווייטן, זי האָט זיי געטראָגן אויף איר שטאָלטנעם קאָפּ בעת זי איז געווען יונג און שיין און מיט דער טרופּע פון אימפּרעסאַריאָ קאָמפּאַנייעץ אַרומגעפאָרן אויף גאַסטראָלן איבער שטעט און שטעטלעך. אין קאָרב זענען אויך געלעגן ראָזעס ברייטע קרינאָלינעס, פּעלערינעס און אַנדערע קליידער פון די סאַמע משונהדיקסטע פאַסאָנען און קאָלירן, וואָס איר שוואָגערס ברודער פלעגט אַראָפּשיקן פון ווייטן אַמעריטשקע, די שוועסטער פלעגט עס איר אַוועקשענקען און זיי פלעגן איר דינען פאַר אירע טעאַטער־ראָלעס.

אין די סאַמע שווערסטע צייטן האָט זיך ראָזע נישט געוואָלט שיידן מיט איר גאַרדעראָב, אין די לינדע פרילינגטעג פלעגט זי די היט און קליידער אַרויסציען פון קאָרב אויסצולופטערן זיי, אַ מילב זאָל זיך דאָרטן, חלילה, נישט אַרייַנכאַפּן. אייניקע זאַכן פלעגט זיי ביי דער געלעגנהייט אָנמעסטן פאַרן פאַרנעפּלטן און פאַרזשאַווערטן שפּיגל, וואָס איז געהאָנגען לעבן פענצטער. דערביי פלעגט זי אַראָפּשלינגען אַ טיפן זיפץ.

די אָפּגעדראָפּעטע ווענט פונעם דירהלע זענען געווען באַהאָנגען מיט גרויסע אַפישן, פון וועלכע ס'האָבן אַראָפּגעשריען מיט קידוש־לבנה־אותיות די נעמען פון די טעאַטער־שטיק, אין וועלכע ראָזע האָט געשפּילט צווייטראַנגיקע ראָלעס. נישט געווען אַפילו אויף די פּלאַקאַטן דערמאָנט איר נאָמען. קיין פּרימאַדאָנע איז ראָזע קיין מאָל ניט געווען. בעת זי פלעגט אָבער אויף אַ משפחה־שימחה אַרויספּראַלן מיט איר הילכיק און קלינגעוודיק געזאַנג, זענען יונג און אַלט געזעסן מיט אָפענע מיילער און זיך געקוויקט מיט די טעאַטער־קופּלעטן.

אין יידישן טעאַטער זענען מיט דער צייט צוגעקומען יונגע און געבילדעטע כוחות. ראָזע איז אַלט געוואָרן און געמוזט פאַרלאָזן די בינע. זעלטן פלעגט מען זי אַנגאַזשירן בעת עס האָט צוליב אַ קראַנקייט, אָדער אַן אַנדער סיבה, אויסגעפעלט אַן אַקטריסע, אָדער סטאַטיסטין. קיין פּרנסה איז אָבער דערפון נישט געווען. וואָס אַן אמת האָט זי יעדן חודש באַקומען צוגעשיקט פון יידישן אַקטיאָרן־פאַראיין אין וואַרשע אַ בידנע פּענסיע - נישט צו לעבן און נישט צו שטאַרבן, קוים צו דערהאַלטן ←

---

דער לעצטער אָפּטייל פון בוך איז "די וואָס זענען אַוועק". פאַקטיש איז כמעט דאָס גאַנצע בוך, ביינאַנד מיט ווילנע, וועגן די וואָס זענען אַוועק. אויך דאָ קומען שילדערונגען פון נאָענטע געשטאַלטן און געשעענישן, וועלכע מוסיע לאַנדאַו ברענגט אַרויס פון פאַרגעסנקייט. און דערפאַר קומט איר אַ גרויסער יישר כוח!

מוסיע לאַנדאַו האָט אונדז געגעבן אַ ווערטיק בוך, וואָס באַרייכערט אונדזער ליטעראַטור, און מיר שליסן זיך אָן אינעם ווונטש פונעם שרייבער יצחק לודען, וועלכן ער דריקט אויס ביים סוף פון זיין "וואָרט פריער", אַז עס זאָל זיין "אַן ערשטלינג אויפן וועג פון אַ פּרוכטיקן המשך".

מ.ש.

די נשמה. אָפּט פלעגן אָבער אויך די פּאָר אָרעמע גראָשנס נישט אָנקומען צו דער צייט. פלעגט די מומע ראָזע בעטן אירע געלערנטע פלימעניקעס זיי זאָלן אַריינשרייבן אַ בריוול אין פאַראיין. זי אַליין האָט געקענט בלויז לייענען, אָבער קוים, קוים שרייבן. אינעם קעלערשטיבל פון איר אָרעמען פּאָטער, יודל דער סטאָלער, אַ מטופּל מיט טעכטער, וועלכער האָט נאָך צוגעזינדיקט מיטן ביטערן טראָפּן, האָט ראָזע אַפילו נישט געקענט טרוימען וועגן בילדונג. אויך קיין פאַך זיך ניט געלערנט. ס'איז איר אַריין אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ - שפּילן טעאַטער.

ראָזע האָט נישט געוואָלט אָנקומען צו אייגענע און אַוודאי נישט צו פרעמדע. האָט זי איינעם אַ טאָג אָנגעהויבן האַנדלען מיט קאָסמעטיק. זי פלעגט ערגעץ ביליק איינקויפן עטלעכע שטיקלעך טואַלעט־זייף, פּודער, רוזש און שמינקע. מיט דער סחורה פלעגט זי גיין איבער די שטיבער און עס אָנבאָטן צו די דינסטמיידלעך. זעלטן האָט געטראָפן, אַז אויך אַ גוטהאַרציקע בעל־הביתטע האָט איר געגעבן צו לייזן אַ פּאָר גראָשן. דאָס איז אָבער קוים געווען וואַסער אויף קאַשע. ראָזע האָט שטילערהייט געליטן, אָבער זיך זעלטן באַקלאָגט.

איינעם אַ טאָג, בעת זי איז געקומען צו אירער אַ קליענטקע, די געשטופּלטע דאָרקע, וועלכע האָט געדינט ביי אַ רייכן מאַנופאַקטור־סוחר, האָט יענע זי אָנגעקוקט און געשאָקלט מיטן קאָפּ. מיט אַ וואָך פריער האָט די מאַדאַם אַוועקגעגעבן דאָרקען איר אויסגעקויפטן בילעט אין יידישן טעאַטער, ווייל מען האָט זי אומגעריכט פאַרבעטן אויף אַ וואַזשנער וועטשערינקע. האָט זיך פּונקט געמאַכט, אַז ראָזע האָט פאַרטראָטן אַ קראַנקע אַקטיאָרשע, און דאָרקע האָט זי צום ערשטן מאָל געזען אויף דער בינע. דאָס איז געווען גאָר אַן אַנדער ראָזע, אַן עלעגאַנטע און יום־טובדיקע, ניט אַזאַ, וואָס זי, דאָרקע, האָט געקענט.

זי האָט איר אַ זאָג געטאָן מיט מיטלייד אין קול:

– ווי לאַנג נאָך וועט איר, ראָזעשי, אַזוי קלעטערן איבער די טרעפּ? איר ווערט דאָך נישט ייִנגער! אפשר וואָלט איר אַ פּרווו געטאָן זיך אַראָפּכאַפּן אויף די סאָפּיאַניקעס, דאָרטן וועט איר לייכט קענען פאַרקויפן אייער קאָסמעטיקע. די דאָרטיקע "מיידלעך" וועלן עס אויסכאַפּן.

ראָזע האָט אַ ציטער געטאָן. אַ סקרוך איז איר אַדורך איבערן לייב. זי האָט ווייל געוווסט ווער עס זענען די דאָרטיקע מיידלעך. אַ מידע האָט זי זיך אַוועקגעשלעפּט אַהיים. זי האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה וואָס צו טאָן. אָבער נויט ברעכט אייזן. זי האָט באַשלאָסן, אַז אויף צומאָרגנס וועט זי זיך אַוועקלאָזן אַהין, אויף די סאָפּיאַניקעס. נישטאָ קיין ברירה. זי וועט פּרוון אָנבאָטן איר סחורה די דאָרטיקע פּראָסטיטוטקעס. זי האָט בלויז געבעטן אין האַרצן זי זאָל נישט אַריינפאַלן אין זייערע ווערעמדיקע מיילער.

---

*) פראַגמענט פון דער דערציילונג "דער מומע ראָזעס פּרנסות".

## אליביידער / ירושלים

### אַ וויכוח

די לבנה און דאָס פענצער
פירן אַ וויכוח הייסן:
ווער פון זיי איז פאַר דעם מענטשן
וויכטיקער, נישט אָפּצורייסן.

זאָגט לבנה, אַז נאָר זי,
ווען אַרום איז נאָך שטאַרק פינצטער
לייכט דעם מענטש ביז אין דער פרי
דורך זיין זייער קליינעם פענצטער.

נאָר דאָס פענצטער האַלט זיך גרויס,
ווייל עס ווייסט שוין פון פאָרויס:
וואָלט דאָס פענצטער נישט געווען
שיין דער מענטש וואָלט נישט געזען.

און וואָס שייך זון דער הייסער
זאָגן זיי כאָטש עפּעס וואָס?
יעדער האַלט זיך פאַר אַ ווייסער,
רעדט פון צווייטן מיט פאַרדראָס.

- - - - - - - - - - - - - - - - -

עס איז אָפט אַזוי אין לעבן,
יעדערער איז איבערצייגט:
גראַד ער קען מערער געבן
און ער מיינט, אַז ער נישט לייגט..

### שלעבט צי גוט

פרעגט ביים עולם וועט איר הערן
אַז די מאַכט איז זייער שלעכט:
גראָבע טעותים זיך מערן,
זי איז קיין מאָל נישט גערעכט.
אויב אַזוי, פאַרוואָס זשע האַלט מען
זיך ביי מאַכט אַזוי פאַרברענט?
ווייזט זיך אויס - זי איז אַ שלעכטע
ביז זי איז און דיינע הענט.

# טייערער שעלבי שאַפּיראָ און משפחה

דער יידישער קולטור-קלוב אין לאָס אַנדזשעלעס
און דער זשורנאַל "חשבון" דריקן אויס אונדזער טיפן מיטגעפיל
אין דיין גרויסער אבדה - דעם אַוועקגיין אין דער
אייביקייט פון דיין ליבן פאָטער.

- מיט ליבשאַפט -

ל.אַ. יידישער קולטור-קלוב,
"חשבון"

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

* **אלכסנדר שפּיגלבלאַט**: "שאָטנס קלאַפּן אין שויב" - דריי דערציילונגען. פאַרלאַג "ישראל-בוך", 221 זז', תל-אביב 2003.
* **מוסיע לאַנדאַו**: "מיט שרייבערס, ביכער און מיט... ווילנע". "ה. לייוויק-פאַרלאַג", 292 זז', תל-אביב 2003. דאָס בוך איז איינגעטיילט אין פינף חלקים: פון ווייטן אַמאָל; באַגעגנט אויף מיין לעבנסוועג; פון מיין ביכער-פּאָליצע; מאַמע-לשון און היים; די וואָס זענען אַוועק. פאַראַן אויך אַ "וואָרט-פריער" פון **יצחק לודען**.
* **מרים אולינאָווער**: "אַ גרוס פון דער אַלטער היים", לידער. אַרויסגעגעבן דורך דער מעדעם-ביבליאָטעק, פּאַריז 2003. רעדאַקציע און אַרײנפיר: **נאַטאַליאַ קרייניצקאַ**; איבערגעזעצט אויף פראַנצויזיש דורך **בתיה בוים**. 254 זז' פּליוס 89 זז' איבערזעצונגען פון די הקדמות. דאָס איז אַן אַקאַדעמישע אויסגאַבע פון מרים אולינאָווערס לידער געדרוקטע אין אָריגינאַל און אין פראַנצויזישער איבערזעצונג. באַגלייט מיט דערקלערונגען און באַמערקונגען, וואָס דערנענטערן צום היינטצייטיקן לייענער די שאַפונגען פון דער באַוווסטער דיכטערין וועמענס שטוב איז געווען אַ היים פאַר יידישע שרייבערס אין לאָדזשער געטאָ, און וועלכע איז אומגעקומען אין 1944 יאָר אין אוישוויצער טויט-לאַגער.
* **ישראל קאַפּלאַן**: "פון פאָלקס-מויל און מיינס". "אין דעם בוך קומט אַרײַן - ווי עס שרייבט דער מחבר אין זיין הקדמה - פאָלקלאָר וואָס איז (ביי אים) געווען טיילווייז פאַרצייכנט און נאָך מער געטראָגן אין זכרון". 256 זז', "ה. ליוויק-פאַרלאַג" תל-אביב 2003.
* **"ירושלימער אַלמאַנאַך"**, צייטשריפט פאַר ליטעראַטור, קולטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, נומ' 27. רעדאַקטאָר **דוב-בער קערלער**, 320 זז'. אַ טייל פונעם רייכן און אינהאַלטפולן זשורנאַל איז געווידמעט זיין ערשטן און לאַנגיאָריקן רעדאַקטאָר, דעם באַוווסטן פּאָעט **יוסף קערלער**, וועלכער איז אַוועק פון דער וועלט אין יאָר 2000.
* **"אונדזער צייט"** נומ' 12, דעצעמבער 2003, ניו-יאָרק. אָרגאַן פון קאָאָרדינירקאָמיטעט פון בונד, רעדאַקטירט פון אַ קאָלעגיע.
* **"לעבנס-פראַגן"**, יאַנואַר-פעברואַר 2004, תל-אביב. סאָציאַליסטישע צייטשריפט פאַר פּאָליטיק, געזעלשאַפט און קולטור. רעדאַקטאָר **יצחק לודען**.
* **"דער אַנהייב"** נומ' 32, מיאַמי, פלאָרידאַ, רעדאַקטאָר: **אַלעק סילווער**; רעדאַקציע סעקרעטאַר: **חיים לעווין**.
* **"יידישע העפטן"** נומ' 79, פּאַריז, פעברואַר 2004. רעדאַקטירט דורך אַ קאָמיטעט: **הענרי בולאַווקאַ; קלאָד האַמפּעל; מרדכי לעווין; מילכה שולשטיין; שאַרל זאַבוסקי**.
* **"צום פונקט"**, נאָוועמבער-דעצעמבער 2003, וואַשינגטאָן. צווייִשפּראַכיקער בולעטין. רעדאַקטאָר פון יידישן טייל: **מאַרק האַרצמאַן**. רעדאַקטאָר פון ענגלישן טייל: **שעלבי שאַפּיראָ**.

# כראָניק פון לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב

## ווינטער־פרילינג 2003–2004

דער אָנהייב פון נייעם קולטור־סעזאָן האָט דאָס מאָל זיך געהאַט פּאַרשפּעטיקט. מיר האָבן אָנגעהויבן מיט אַ קאָנצערט געווידמעט דעם אָנדענק פון פאַרשטאָרבענעם מיטפּאָרזיצער פונעם קולטור־קלוב **צבי הירש**.

* זונטיק דעם 9־טן נאָוועמבער 2003, 2 נ"מ, האָט די קלעזמער־גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון ד"ר **דזשאָרדאַן טשאַרנאָווסקי** דורכגעפירט אַ רייכן מוזיקאַלישן פּראָגראַם, וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען ביי די פאַרזאַמלטע אין קלוב.

* זונטיק דעם 16־טן נאָוועמבער 2 נ"מ איז אין זאַל פון "וועסטסייד דזשויש קאָמיוניטי צענטער" פאָרגעקומען אַ גרויסער קאָנצערט אָרגאַניזירט צוזאַמען דורך אונדזער קלוב און דעם "צענטער". עס איז אויפגעטראָטן די באַוווסטע זינגערין און אַקטריסע פון ניו־יאָרק **עלעאָנאָר ראַיסאַ** אין אַ רייכן פּראָגראַם א"נ "די נשמה פון יידישן ליד".

* זונטיק דעם 30־סטן נאָוועמבער 2 נ"מ האָט דער יידיש־לערער און פּאָרלייענער **יעקב באַסנער** גערעדט וועגן דעם באַוווסט שרייבער **משה נאַדיר** און פאָרגעלייענט אייניקע פון זיינע שאַפונגען. אין מוזיקאַלישן טייל - די אויסטייטשערין פון יידישן ליד **ריסאַ איגעלפעלד**.

* זונטיק דעם 7־טן דעצעמבער 2 נ"מ האָבן אונדזערע יונגע מיטגלידער **מרים קאַראַל**, **דזשויס טאַמאַרע גראָסמאַן** און **קלעיד בערגען** זיך געטיילט מיט זייערע איינדרוקן פון די יידיש־סעמינאַרן אין פּאַריז און ניו־יאָרק, און דעם קלעזמער־פעסטיוואַל אין קראָקע (פּוילן). קלעיד בערגען האָט אויך געשפּילט יידישע מעלאָדיעס אויף איר פידל.

* מוצאי שבת דעם 13־טן דעצעמבער האָבן מיר ווידער געהאַט געסט פון ניו־יאָרק. דער באַגאַבטער דערציילער און לערער **פסח פישמאַן** איז אויפגעטראָטן אין אַ פּראָגראַם א"נ "מיט יידיש איבער דער וועלט - אין וואָרט און ליד". עס האָבן זיך אויך באַטייליקט די באַוווסטע קלעזמער־שפּילער **דזשעף וואַרשאַוער** און **דבורה סראַוס**.

* זונטיק דעם 11־טן יאַנואַר 2004, 2 נ"מ האָט דער עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון דער אָרגאַניזאַציע "פּראָגראַם פאַר פאַרפאַלגונג־קרבנות, פּראָפ' **מייקל נוטקעוויטש**, געהאַט אַ לעקציע אד"ט: "פאַרפאָלגטע מינאָריטעטן און לעבן־געבליבענע פונעם חורבן". געווען אויך אַ מוזיקאַלישער פּראָגראַם.

* זונטיק דעם 25־סטן יאַנואַר 2 נ"מ, אַ לעקציע פון **לילקע מייזנער** אד"ט: "דאָס יידישע שטעטל - לעגענדע און וואָר". אין אַ פּראָגראַם פון יידישע לידער איז אויפגעטראָטן **עריק גאָרדאָן**, פּיאַנאָ־באַגלייטונג - **רות יודקעוויטש**.

* זונטיק דעם 8־טן פעברואַר 2 נ"מ האָט דער אַקטיאָר **יעקב לעווין** אויסגעפירט צוויי פראַגמענטן פון שלום עליכם: "נחת פון קינדער" און "האָדל" (פון "טוביה דער מילכיקער").

* זונטיק דעם 7־טן מערץ האָט פּראָפ' **שרה מאָסקאָוויטש** דערציילט וועגן איר אַרבעט ביים איבערזעצן אין ענגליש לידער און פּאָעמעס געפונענע אין וואַרשעווער רינגעלבלום־אַרכיוו. די לעקציע א"נ "די באַגראָבענע אוצרות פון דעם רינגעלבלום־אַרכיוו" איז אילוסטרירט געוואָרן מיט ליכט־בילדער.

* זונטיק דעם 28־סטן מערץ 2 נ"מ, לעקציע פון **זעלדע מאַלעוויטש** אד"ט: "דער טרייענגל פייער" (אין אַ נייער באַלייכטונג). מוזיקאַלישער פּראָגראַם אויסגעפירט דורך **פסח מאַלעוויטש**.